STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09216

FUN ALE MAYNE LIDER

Pessie Pomerantz-Honigbaum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פעסיע פאָמעראַנץ־האָניגבוים

★

פון אַלע מיינע לידער

אַ מתנה מיינע אייניקלעך
וועלכע לערנען זיך העברייאיש און יידיש,
מיט דעם גלויבן אין דער אייביקייט
פון אונדזער יידישן אלף־בית.

פעסיע פאָמעראַנץ-האָניגבוים

פֿון אַלע אײנע ליבער

פאַרלאַג „חיפה"

ביי דער חיפהער אָפּטיילונג

פון יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל

תשכ"ט—1969

PESSIE POMERANTZ-HONIGBAUM

OF ALL MY POEMS

"Haifa" Publishing House

P.O.B. 4267 Haifa, ISRAEL

פעסיע פּאָמעראַנץ־האָניגבוים: פון אַלע מיינע לידער

פאַרלאַג "חיפה" — ת. ד. 4267, חיפה

© ..

נדפס בישראל, תשכ"ט
Printed in Israel, 1969

סודר במסדרת־דפוס "ספרוני", חיפה

נדפס: "המדפיס־החדש", חיפה

דער נאָמען "פון אַלע מיינע לידער" רעדט פאַר זיך אַליין. איך וויל אָבער באַמערקן אַז אין בוך גייען אַריין לידער נייע, נאָך ניט געדרוקטע און לידער געדרוקטע אין פאַרשידענע זשורנאַלן וואָס זענען נאָך ניט אַריין אין בוך־פאָרעם, ווי אויך אַן אָפּקלייב פון די פריערדיקע לידער־ביכער מיינע.

איך וויל דאָ אויסדרוקן מיין דאַנק:

צו מיין יוגנט־חבר דעם עסייאיסט, אברהם פאַט פאַר זיין טעכנישער מיטהילף.

צו מיין מאַן משה האַניגבוים, פאַר זיין אינטערעס, אַז דאָס דאָזיקע ווערק זאָל דערמעגלעכט ווערן צו דערשיינען.

צו מיין פריינד און קאָלעגע, דעם רעדאַקטאָר און שרייבער, מרדכי קראַשניץ פאַר זיין איבערגעגעבנהייט און אָפּגעהיטקייט, אַז די אויסגאַבע זאָל אַרויס אָן גרייזן.

פעסיע פאַמעראַנץ־האַניגבוים

ליד

אָ ליד איז אַ תּפילה צו גאָט,
אַן אַקאָרד פון טרויער און בענקשאַפט,
שרעק פאַר אַ וואַקלדיקן טראָט,
צער־פולע אויגן אין געדענקשאַפט.

אַ ליד איז אַ בליץ פון געדאַנק,
אַ פלאַטער פון כּישוף און שיינקייט,
אַן אונטערגעהאַקטער פאַרלאַנג
און פון קינדערשע אויגן — די ריינקייט.

לידער פון 1958 ביז 1968

צו מיין פאָלק

מיט דער לויטערער מחשבה
פון אַן איין און איינציקן גאָט,
האָסטו אַריינגעליכטיקט אין דער וועלט
ווי אַן אין־סופיקע ספירה.
מיט די צען געבאָט
האָסטו צעהאַנגען אַ רעגנבויגן
פאַר אַלע פרעמדע אויגן;

נאָר די רישעות אויף דער ערד
יאָגט זיך פון אייביק אָן נאָך דיר
ווי אַ צעווילדעוועט פערד.
זי קריצט אויף דיר מיט די ציין,
און מיט אירע ווילדע קלאָען
צעטראַמפלט זי דיין געביין.

האָסט איינגעזויגן אין זיך
נביאיש שטרעבן
און מיט איוב׳שן צער
אַדורכגעהייליקט דיין לעבן.

א שטראַלעכל ליכט

ווער איז ער, דער מענטש,
וואָס יאָגט זיך מיט אוראַלטער קראַפט
ווי אַ כוואַליע, וואָס צעקלאַפט זיך דעם קאָפּ
אין אַ פעלזיקן באַרג,
און צעפּיצלט, צעשטויבט זיך
אין דעם אויפלייז פון שוים
מיט אַ שטרעבן צום רוים,
מיט אַ ווילן צום „זיין״ ?

און עס ענטפערט אַן עכאָ
פון אַ ווייט-ווייטער צייט ;
ביזט אַ שטראַלעכל ליכט,
ביזט אַ קניילעכל פּיין —
און וועסט אייביק וויברירן
אין דעם קאָסמאָס פון שיין.

לבנה־שטויב

צו מ.ה.

ערגעץ ווו אין אַ קעמערל פון מיין זכרון
האָב איך אויפגעהיט און פאַרבאַהאַלטן
אַלע ליכטיקע רגעס, וואָס איך און ער,
האָבן געאָטעמט בײנאַנד.
ס׳האָט אים אַ שטורעם־ווינט פאַרטראָגן
צו יענעם לאנד, פון וואַנען
קיינער קערט זיך ניט צוריק;
מיין בליק געוואָרן איז פאַרנעפּלט
איך האָב פאַרקנעפּלט טיף אין זיך
מיין צער, וואָס האָט אין רייפן
פון אומזיכערקייט מיך איינגעקלעמט
און מיך פאַרשעמט,
עס האָט די איינזאַמקייט געשטאָכן מיך,
געברענט,
און געשראָקן האָבן מיך
די שטומע שאָטנס
אויף די ווענט;
ביז עס האָט אַ שטראַל פאַרבלאָנדזשעט
אויף מיין שוועל,
און העל אַ בלענד געטאָן די אויגן מיר,

האָב איך געלאָזט זיך פירן פון לבנה־שטויב
און מיך דערפירן צו אַ לאַנד
ווו עס גרינען תפילהדיקע פּאַלמעס,
און ווו דער אייביק יונגער ים
וויל שטענדיק איינשלינגען
דעם זאַמדיק־ווייכן ברעג.
און דאָ, אין שטאָט פון ווייסע כמאַרעס
וואָס לויערן שטענדיק איבער די ווייסע מויערן,
האָב איך דערקענט דיך, פריינד מיינער,
געבייטשט ווי איך פון זעלבן גורל,
געטריבן פון דער צייט
צום בין־השמשותדיקן בריק פון לעבן —
מיר האָבן זיך תקיעת־כף געגעבן
מיר זאָלן קענען נאָך באַווייזן
צו אָנצינדן, אַ שטערן ווו
איידער ס'וועט די וועלט פאַר אונדז
אינגאַנצן פינצטער בלייבן.

פרילינג־נס

אַ קאַרדינאַל — אַ פייגעלע אַ רויטס
אַ פלאַטער האָט געטאָן פאַרביי מיין שויב
מיט פרילינג אונטער זיינע פליגלען ;
בין איך אַראָפּ אין גאַס און האָב דערזען —
די ערד האָט אויפגעשלאָסן אַלע אירע ריגלען,
דורך רויע זאַפטן שפּראָצט דאָס נייע לעבן,
די ביימער אָנגעלאָדענע מיט שטייפע קנאָספּן
שטייען גרייט —
ווי שוואַנגערדיקע פרויען צום געבוירן.

אין זון־ליכט האָט אַן אַלטער בוים
צעשטראַלט זיך,
אַ בין האָט אַ בלענד געטאָן מיט גאָלד,
אַ ווינטל האָט צעכוואַליעט מיינע האָר,
און כ׳האָב דערפילט מיט אַלע מיינע חושים
דעם פרילינג אויף דער וואָר.

ווי ניסימדיק עס איז צו זיין אַן עדות
צו אַ באַנייטן פרילינג דאָ ;
דאָס לעבן איז אַ נס,
אַ נס בין איך און דו.

רייזע־פיבער

אַזוי פיל ריזיקע פעלדזן —
ביים ברעג פון פּאַציפישן ים,
גאָטס שטיינערנע קאַפּריזן
חלומען פון הייכן ניט דערגרייכטע.
די זון ברענט זייער פאַרשטיינערט בלוט,
לבנה זיפּט זילבער־שטויב
אויף זייערע נאַקעטע קעפּ,
ווינטן באַהאַלטן זיך
אין זייערע קעשענע־שפּאַלטן
און פייפן אויס באַלאַדן
פון דערטרונקענע שיפן,
עס דוכט, זייערע סירענעס
וויינען פון די טיפן.

אויף דעם וועג צו יאָסעמיטי פּאַרק.

אויף אלטע חומש־טראקטן

א

האָסט איינגעזאַמלט די געפּרוּווטע קינדער
פון דיין פאָלק, —
די שפּליטערס פון בלוט באַפלעקטע לענדער —
דערשיטערטע,
דורך טויט באַדראָט,
אויף סכּנותדיקע וועגן
קוים לעבעדיק דערשטראָמט
צו דיינע האָפנונגספולע ברעגן.

האָסט מאַמעדיק צעפּראַלט פאַר זיי
די טויערן פון רחמים,
מיט ליבשאַפט איינגעגלידערט זיי
אויף דיינע גרענעץ פראָנטן,
גענומען היילן זיי
די אומהיילבאַרע וואונדן
און פאַראַנקערט זיי צום זון־אויפגאַנג
פון דיינע בלויע האָריזאָנטן.

ב

באַשערט איז מיר צו זיין אַן עדות דאָ
פון אויפגעבליטע שטעט און דערפער,
צו טרעטן ווידער אויף דיין יחוסדיקער ערד
פון אויפגעבליטן פעלד און וואַלד;
פון שטיינער טויזנטיאָריקע און קברים
וואָס אָטעמען מיט פאָלקס לעגענדעס;
און פון מצבות פון די ייִנגסטע זין און טעכטער דיינע —
אָ, לאַנד פון מיינע אָבות!

ווי גוט איז מיר צו זען אַן אַלטן ייִדן דאָ
אָן מורא אויסגלייכן זיין מידן רוקן;
צו זען דאָ דיינע יונגע זין און טעכטער,
מיט פרייען בליק אין אויג, מיט זוניקן געלעכטער,
אַראָפּטרייסלען פון זיך די שרעקן
פון וואַנזיניקן נעכטן,
און ווידער גלויבן
אין דעם עכטן און גערעכטן.

באַשערט איז מיר צו זיין אַן עדות דאָ
צו דיין פאַרבנרייכער סאַגאַ,
אויפגעשפּילט פון דיינע ייִדן־פעלקערשאַפטן,
נאָך דורותדיקער בענקשאַפט
פון זיידעס און פון טאַטעס —
אויף דיינע אַלטע חומש טראַקטן.

ישראל, 1966

כנרת

ווער האָט דיך איינגעראַמט
אין דער ראַם פון אַ האַרפע, כנרת ?
דיינע ברעגן ציטערן
מיט רחלס געזאַנגען,
קליינע וואָלקנדלעך
ווי ווייסע שעפּסעלעך —
באָדן זיך אין דיין אינגעווייד, כנרת ;
אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל
קרייזט אַרום דיין צוקאָפּנס,
באַרירט מיט אַ פליגל
דיין בלויען וואַסער־פלאַך
און צעלעכערט די שטילקייט
מיט זיין איינזאַם געוויין, —
ווער קען אַן איינזאַמען פויגל פאַרשטיין ?

צפת

דער וועג צו דיר — אַ ספּיראַלישער
וואָס שרויפּט זיך אַרויף און אַרויפּער ;
ווי בלויע, האָרבאַטע קעמלען
קייטלען זיך און בלויען די בערג אַרום ;
אין דיין שמאָלן,
געדרייטן און ליימיקן געסל
ווינטיקט אַ פּאָלע,
פלאַטערט אַ פּאה
און עס הויערט אַ שאָטן
פון אַ פאַרצייטיקן מקובל.
איבער דעם דאַך
פון דיין עלצטער שול
פינטלט אַ שטערן
פינקלט,
ווי אַ זילבערנע קמיע,
נאָר איך רעמל דיך איין
אין מיין זכרון, צפת,
ווי אַ פאַרהייליקט בילד
פון טויזנטער יאָרן.

ביים ים

די זון האָט פֿאַרוואָרפֿן
אַ גאָלדענע נעץ אויף דעם ים ;
ברעכט זיך ים-פֿלאַך
מיט זוניקן פֿייער פֿאַרפֿלייץ.
בין איך אומרואיק היינט
ווי די כוואַליע ביים ברעג,
און עס ציטערט מיין האַרץ
ווי אַ פֿיש אין אַ נעץ.

ווי אַ פֿישער וואָס לאָזט זיך
אַרויס ביי דער נאַכט,
אויף פֿישפֿאַנג מיט נעצן
פֿאַרוואָרפֿן אין ים,
אַזוי פֿאַנגט אויך די צייט
אויף דער ווענטקע פֿון טויט
אין אַ ראָזן פֿאַרטאָג
צי אין אַ זילבערנער נאַכט.

בין איך אומרואיק היינט
ווי דער ווינט מיט פֿאַרדאַכט ;
נאָר עס חוזקט דער ים,
נאָר ער שטיפֿט און ער לאַכט.

לעצטע שלאַכט

ס'איז קאַלענדאַריש ערב פּרילינג,
נאָר ס'האָט די שטורעמדיקע נאַכט
אַרויסגעכוואַליעט שניי־אַרמייען
און אָנגעפירט אַ לעצטע שלאַכט.

ס'האָט אַ הירזשנדיקער ווינט
מיט זיין ווינטיקן רעפריין,
צעהאַנגען אויף די פענצטער
זיין צעטרייסלענדיק געוויין.

צומאָרגנס האָט אַ פּיקהאָלץ
מיך אויפגעוועקט קאַיאָר,
און אָנגעזאָגט דעם בוים —
ס'איז פּרילינג אויף דער וואָר.

שטראַלנדיקע פינגער

דער הימל האָט אויסגעבאָדן
זיינע גרויע קינדער־כמאַרעס,
אָנגעטאָן זיי
ווייסע דורכזיכטיקע העמדלעך
און אַרויסגעלאָזט
זיי שפּילן זיך
אין ימיקן בלוי.

די זון — אַן ערב פּסחדיקע מאַמע
מיט צעשטראַלטע הענט
האָט אַרומגענומען די ווינטערדיקע
פאַרשלאָסענע וועלט.

די פאַרבליבענע לאַטעס שניי
טונקלען פון צער אויף זייערע לעצטע טעג ;
אַ פויגלס געשריי האָט צעטרייסלט די לופט —
דאָס האָט אַ וואָראָנע זיך צעגראַגערט
און וואָרנט דעם טאָג אויף אַ נייעם זאַווי.

נאָר איך בין היינט געוואָרן
פייערלעכער, יינגער —
די זון האָט מיך אַרומגענומען
מיט אירע שטראַלנדיקע פינגער.

לעיק מישיגען

באַשערט איז מיר צום ווײפּלטן מאָל שוין,
זיך אײנהערן צום שפּיל פון דײנע כוואַליעס,
פאַרנעמען דעם ריטעם פון דײן אוראַלטן גערויש;
אַ שפּענדל, בין איך, אַ פאַרבליבנס
פון אַ גאַנצן בוים מיט צווײגן;
זיץ איך דאָ, בײ דײנע ברעגן, זאַמדיקע
און טראַכט פון יונגע, האָפנונגספולע צײטן
מיט בענקשאַפט אין מײן אײנזאַם שווײגן.

באַשערט איז מיר דאָ ווידער זען
ווי עס מיניען זיך די כוואַליעס דײנע,
אַט בלוי, אַט גרין, אַט מיסטיש גרוי,
צו נאָכפאָלגן אַ זעגל־שיפל אויף דײן רוקן
און זען ווי דײנע אַקסלען צוקן,
לעיק מישיגען, דו יונגער חבר, מײנער!

צווירעלי, צווירעלי

צעפּרילינגטער, צעגרינטער, באַוואַלדיקטער
באַרג וויטשיטאַ;
ביסט אַלט און ביסט יונג און ביסט סודותדיק,
באַרג וויטשיטאַ.

דו שאָטנסט און ליכטיקסט מיט כלערליי גרינקייטן
פונעם לאַנד גרינעלי;
דאָ גלעקלט אַ פויגל זיין ליבשאַפט צו דיר,
צווירעלי, צווירעלי.

מיט העל־גרין און געל־גרין און פויל־גרין
דו בלענדסט דעם אַרום,
אין שלייערן גרינע עס ציטערןביימער
און דאַוועגען שטום.

דורך פלאַנטער פון צווייגן, — זוניקער גאָלדשטויב
זיפּט זיך אַראָפּ,
אויף קרוינען פון ביימער, — פאַרבלאָנדזשעטע כמאַרעס
רוען זיך אָפּ.

האָט ספּרינגס, אַרקענסאָ

אָנגעלאָדענע שטילקייט

אין רייפן זומער־בלי — אַ פעלד מיט געלע בלימעלעך;
עס טאָפּטשעט איבער זיי אַ סטאַדע שוואַרץ־געפלעקטע קי,
און איבער אַלץ — אַן ערב רעגנדיקער הימל
איז גרייט אָנצוטרינקען פון פעלד דעם בלי.

מיט אָנגעלאָדענער שטילקייט צעעפנט אירע ליפּן —
די רחבותדיקע ערד ליגט גרייט און וואַרט
אַ דונער זאָל אַ פּויק טאָן אין די ריפּן,
אַ רעגן זאָל דערגרייכן אירע טיפן,
אַ פויגל זאָל זיך נאָכדעם ווו צעשטיפן,
און עס זאָלן אירע אָפּגעפרישטע קראַפטן
פאַרכישופן די נאַכט מיט אירע זאַפטן.

דער אלטער בוים

משפּחהדיק פֿאַרצווייגט און רחבותדיק צעוואַקסן,
האָט דער אַלטער, שטאָלצער בוים,
אַ גאַנצע נאַכט געצאָרנט;
אַ ווינט האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין זיינע צווייגן־הערנער,
און ווי געבייטשט פֿון שלאַקסן, דער בוים האָט אים געוואָרנט,
און געצאָרנט מיט אומהיימלעכן געבייזער;
געקרעכצט האָבן די צווייגן,
און געטרייסלט זיך פֿאַר שרעק האָבן די בלעטער.

אַ גאַנצע נאַכט איז אָנגעגאַן די שלאַכט,
ביז עס האָט קאַיאָר מיט ערשטן פֿלאַטער־רויט
אַ בלענד געטאָן אין פּנים פֿון דעם בוים;
פֿאַרשעמט האָט זיך דער ווינט,
אַ פֿלי געטאָן אין דער הויך
פֿון יענער זייט פֿאַררויטלטן, פֿרימאָרגנדיקן רוים.

סאַוט הייווען מיש.

שלאָף

נאַכט גראַבלט מיין דאַך
מיט שערבלעך פון שטילקייט ;
די אָנגעלאָדנקייט פון טאָג
צעשפּאַרט אַלע קעמערלעך
פון מיין זכרון —
איין געדאַנק וויל אַריבעריאָגן אַ צווייטן.

ווי גרינער סכך איבער אַ דאַך
בלייבט הענגען אַ שאָטן
איבער מיין געדאַנק.
דאָס רעאַלע ווערט פאַרפלייצט
מיט חלומות אַ כוואַליע.
ווערן אַלע קעמערלעך פון געדאַנק
פאַרפלייצט מיט שלאָף, שלאָף, שלאָף.

א שוואַרצער בר־מינן

אַריבער דער גאַס
שטייט אַן אָפּגעברענט הויז —
אַ שוואַרצער בר־מינן
מיט אויסגעברענטע אויגן ;
ס׳רינט חושך
פון די קרישלדיקע ווענט,
ס׳קוקט אומגליק
פון די אויסגעהאַקטע שויבן.

ערשט נעכטן
האָט געקרעשט דאָס הויז
מיט פולער פרייד
פון קינדערשן געלעכטער ;
איצט וואַקסט
בית־עולם־שטילקייט אַרום הויז,
און בלויז אַ בוים דאָרט
וויגט זיך אַ פאַרטרערטער.

סילועטן

אין האַרבסטיקע טעג פון פאַרענדער
ווי אין דעמער פאַרטונקלען דיביימער;
פאַרבליבענע, גוסס׳ע בלעטלעך
זיך שאָקלען אין שרעק, אין געהיימער.

וויגן זיך טונקעלע שאָטנס
פון צווייגן, ריטער און בלעטער
און בלייבן צעווינטיקטע היטן
די לאָנקעס מיט האַרבסטיקן ציטער.

לויטערע מינוטן

אַזויפיל בענקשאַפטן פאַראַנען
וויפיל טענער און קאָלירן,
נאָר מיינע זענען ליכטיק־העלע,
שטילע טענער פון קלאַווירן.

כ׳האָב ליב די האַלב־שטילע טענער
וואָס ברענגען ליכט אַריין אין שאָטן;
כ׳האָב ליב די האַלב־שטילע טענער
וואָס ברענגען לויטערע מינוטן.

קאַליריק זינגערל

באַפליגלט, באַפעדערט, קאַליריק זינגערל
צעזינגסט זיך פריי און אומגעשטערט
אויף דיין איינציק פייגלש מאַמע־לשון ;
און אַלע וואַלדיקע אויערן
כאַפּן אויף מיט פרייד דיין געזאַנג,
און קיינער פאָדערט ניט ביי דיר
זאָלסט אויפגעבן דיין פייגלש מאַמע־לשון.

נאָר וואָס זאָל טאָן אַ מענטש אַ ייד,
וואָס וויל אויסזינגען זיין צער און פרייד
אויף זיין איינציק מאַמע־לשון יידיש —
אַז יידיש־וואַלד כאַפּט גיכער אויף
דעם קלאַנג פון פרעמדן זינג און זאָג ?

צעזוניקטע גרינקייט

ביים ראַנד פון וועג
שטייט אַ סטרוניקע, געזוניקטע טאָפּאָליע;
עס טוליען זיך צו איר די קינדער אירע —
יונגע, שלאַנקע, פלאַטערנדיקע ביימעלעך
מיט צווייגן —
אויסגעצויגענע, גרינע, לאַנגע פינגער,
וואָס ציען זיך אַרויף, אַרויף, אַרויף־צו,
זיי בענטשן דאָס גאָלד און דאָס בלוי פונעם טאָג,
און שפּרייטן אַרום זיך
אין זייער צעזינגטקייט
מיט פרומער התלהבות —
צעזוניקטע גרינקייט.

די וועלט מוז שענער ווערן

צו לייוויק'ן

א

דיינע לידער —
אומרואיקע פייגל
מיט לאַנגע, מידע העלדזער
פון אַ ווייטן וואָגל;
ברענגען זיי מיר ווייסקייט
פון סיבירער שנייען,
ברענגען זיי מיר פייער
פון אַ רויטן האָגל...

אין די שפּעטע שעה'ן
ווען איך קען ניט שלאָפן,
פלאַטערן די לידער
אַרום מיין צוקאָפּנס;
איינציקווייז זיי קומען,
שטעלן זיך אין רייען,
מיט אַ טרויער־ניגון
הויבן אָן צו ברומען...

— — — — — —

הויבן אָן צו ברומען
אַזאַ טויט געיאָמער
פון אַ יונגן בחור
וואָס הייסט נתן ניומאַן.

ב

מיט אַ מאָל וואַקסט אויס אַ פעלד —
אַ זון פאַרגאַנג און דו —
אַ ווייסער קראָליק אויף אַ שטיין —
אַ ברוין־געפלעקטע קו —
מיט קעפ פאַרריסן צו דער זון,
מיט סוד אין דריי פּאָר אויגן
די אייביקייט דורך זייער קוק
האָסטו אַריינגעזויגן.

און איצט דערזע איך דיך אַליין,
דו, דיכטער פון געוויסן ;
ס׳גרינט ווידער איצט דיין עפּלבוים,
און שיקט דיר פרילינג־גרוסן.

פאַרנעם מיין וואָרט, אָ ליבער פריינט,
אַ טרייסט פאַר דיין גורל שווערן ;
דאָס פאָלק וועט אַרבן דיין געזאַנג
פון דורות פרייד און טרערן,
מיט יושר, מי און מיט געזאַנג
די וועלט מוז שענער ווערן.

יידישער טרויער

ווידער איז אַ יאָר אונדזערס
אַריינגעשוווּמען אין ים
פון אונדזער געשיכטע ;
און ווידער געלאָזן אונדז
שטיין פאַרווירטע,
פאַרגאַרטלט מיט אונדזער
אייביק יידישן טרויער.

ווי אַ פייערדיקע קויל
בריט אונדז אונדזער טרויער,
אויף אַלע ערדן באַנייט ער זיך,
אויף אַלע בייטן שפּראָצט ער אויף
אונדזער דור־דורותדיקער,
המשכדיקער טרויער.

יידישער טרויער,
אַרויפגעצוווּנגענער אויף אונדז
דורך אונדזערע שונאים ;
אין אַלע תקופות פון אונדזער
לעבנס־דויער,
באַגלייט ער אונדזערע טריט,
הייליקער, יידישער טרויער.

א גילגול פון א ניגון

זאָל עדגאַר עלען פּאָ
מיר פאַרגינען די הנאה,
וואָס זיין „ראָב" האָט זיך באַהאַלטן
אין די שפּאַלטן פון מיין שלאָף,
ווען קאַיאָר נאָך, האַלב פאַרדרימלט,
האָבן אותיות זיך צעווימלט
זיך אין ווערטער איינגערעמלט
און צעבלימלט אין אַ ליד ;

ווען אין בעט נאָך, האַלב פאַרשלאָפן —
וואָרט־צו־וואָרט און עס ווערן סטראָפן ;
קלאַפּט צום טאַקט צוקאָפּנס מיר,
אַט־דער ריטעם פון זיין ליד ;
וואָס פאַראַ ווינט האָט אים געבראַכט מיר
אַט־דעם סודות׳דיקן ניגון
נאָך אַ צייט־אָפּשניט אַ שווערן,
ער זאָל אויפגיין אין מיין ליד ;

ניין, ניט איך קען עס דערקלערן
נאָר מיר דוכט, אַז איך קען שווערן,
אַז אַ גילגול פון זיין ניגון
האָט באַפליגלט מיך אין שלאָף.
— זאָל דער דיכטער עלען פּאָ
מיר פאַרגינען די הנאה,
וואָס זיין „ראָב״ האָט זיך באַהאַלטן
אין די שפּאַלטן פון מיין שלאָף.

ווי אן איינזאמער שטערן

די ווילדקייטן און קרומקייטן פון צײַט
האָבן דורכגעשוידערט די וועלט,
פאַרזייט שוואַרצע זוימען פון טויט;
נאָר דער אמת וועט אייביק פינקלען
ווי אַן איינזאַמער שטערן וואָס בלויט
איבער אַ זומפּיקן פעלד.

שולדיק

איך טראָג אויף זיך אַזויפיל שולדן
פֿאַר גאָר דער שלעכטסקייט פון דער וועלט ;
די שולדן וואַקסן מיטן דולדן
פון יעדן אומרעכט אין דער וועלט.

פֿאַר אַלע קרומקייטן פון לעבן,
פֿאַר אַלע ווילדקייטן פון צייט
כ׳פיל שולדיק פאַר מיין שטילן לעבן,
פֿאַר יעדן גזר פון נאַענט און ווייט.

אייביקע ווערטן

א מתנה מ. מענאַכאָווסקי

אויף אונדזער באַרג־אַרויף פון לעבן
האָבן שדים דורכגעווירבלט,
אויפגעריסן אַלע רינגלען,
מיט אַש פאַרשטויבט אונדזערע שפּיגלען,

דורכגעשטורעמט, דורכגעווירבלט,
און געלאָזן אונדז פאַראָבלט.

נאָר אונדזער אַלף־בית, דער אַלטער,
דער געשטאַלטיקער פון דורות,
פון פרעמדע שטראָמען דער פאַרהאַלטער —
לויפט פאָרויס אונדז אַ געזאַלבטער.

אויף אונדזער באַרג־אַרויף פון לעבן,
אין אונדזער קלעטער, דעם געשטערטן,
קלאַמערן מיר זיך מיט בטחון
אין אייביקע ירושה־ווערטן.

נאָך ניט גרייט

אין אַ שפּעטער אָוונט־שעה
זעצט זיך צו צו מיר מיין טרויער
ווי אַ הונגעריקע קראָ,
קראַקעט מיר אַריין אין אויער —
אַזאַ אימהדיק געוויין;
זאָג איך, ניין, כ׳בין ניט גרייט,
נאָך ניט גרייט צו אונטערגיין.

אויף דער וואַנט, אַ שאָטן וואָרנט —
עס וואַרט ערגעץ אַ שטיין אויף דיר,
אַ חלק ערד אויף איינצושלינגען דיין געביין;
זאָג איך, ניין, איך בין ניט גרייט,
כ׳האָב נאָך דאָ אַ וועג צו גיין,
אַ סך שליחותן צו טאָן,
אַ סך צו לערנען און פאַרשטיין.

אויף די טרעפּ פון אונדזער לעבן

אונדזער גורל וויגט זיך אויף אַ וואָגשאָל,
קרומע שאָטנס ציען זיך צו אונדז אַנטקעגן ;
באַשערט איז אונדז פאַרלאָזן שטעט און היימען
צו זוכן זיך אַן אָרט ביי נייע ברעגן.

ניטאָ קיין זיכערקייט ביי פרעמדע שוועלן,
ס׳איז זיכער בלויז דער גייסט פון גלויביקע ;
טאָ לאָמיר אויף די טרעפּ פון אונדזער לעבן
זיך קלאַמערן אין אַלע ווערטן אייביקע.

פרעמדע פייערלעך

אין אונדזערע יידישע היימען
ווײַנט פאַרשעמט אונדזער יידיש לשון ;
מע פאַרווישט אונדזער אייגענעם עבר
ווי אַן אַלט אָפּגעריבענעם גראָשן.

מיט פרעמדע פייערלעך בליצן די ליכט
ביי אונדזערע יידישע טישן ;
און טראָפנווייז טריפט איבער אונדז
דאָס בלוט פון אונדזער אייגן לשון.

משיח איז אלץ נאָך אין קייטן

כ'וועל קומען צוריק צו מיין אור־שטאַם ;
וווּ עס מישן זיך ערד מיט שטיינער,
פון יענער זייט גרענעץ פון לעבן
וווּ עס בליצן מיט פאָספאָר ביינער,

ס'וועט ביין מיט ביין זיך דערקענען,
ס'וועט טאַטע זיין האַנט צו מיר שטרעקן,
און מאַמע־ביין וועט מיך אַ קוש טאָן
און איך וועל צו זיי גענענען.

און ער, אויף זיין ביינעריש לשון —
שלום דיר, טאָכטער, פון וואַנען ?
פון גלות, צי פון אונדזער מדינה,
צי רוט אויף מיין פאָלק די שכינה ?

און איך מיט אַ טויט־מאַסקע מינע —
ניט כדאי, נאָך אַ וועלט אַזאַ בענקען,
עס ווייעוועז אַלץ נאָך מלחמות,
און משיח איז אַלץ נאָך אין קייטן.

א בריוו צו דער לבנה

אַזאַ צער כאַפּט מיך אַרום
ווען איך טראַכט וועגן דיר
באַשיצערן פון נאַכט,
ליכטיק אויג פאַר דער וועלט;
וואָס וועט דיר באַשערט זיין
ווען מענטש וועט דיך פאַרכאַפּן
אין דיינע ספערן?

צייט דעטראָנירט דיך,
פאָלק מיט פאָלק לויפט אין געוועט
ווער פון זיי ס'וועט פריער
אַראָפּרייסן דיין קרוין פאַר זיך;
כשופדיק פּנים!
פאַרלאָזן פון דיכטערטום,
אויסגעשטעלט צו די געפאַרן
פון מענטש דעם הערשער,
וואָס וועט פון דיר ווערן
ווען מענטש וועט דיך פאַרכאַפּן
אין דיינע ספערן?

שקראָפּלדיקע גראָזן

זיי שפּראָצן אויף
אין אָרעמקייט און ענגשאַפט,
אין שאָטנדיקע שטובן,
פון קיין האַנט ניט געפלעגט,
פון קיינעם ניט באַוווּנדערט,
ווי ווילדע, שקראָפּלדיקע גראָזן
מיט סם אין זייער בלוט.

אין זייערע אויגן —
ביטערקייט פון קראָפּעווע,
אין זייערע מחשבות —
אומצוטרוי צו מענטש
גרייט אויפפרייסן דעם טאָג
מיט זייער שינאה,
גרייט אָפּסמען די נאַכט
מיט זייער ווילדן בלוט.

בלויער ניגון

ייִנגעלע —
ווער האָט אַריינגעזונגען אַ ניגון
אין דיינע גרויסע, וויינשעלדיקע אויגן ?
ווער האָט אויף דיינע ליפּן
אָנגעהאַנגען דיין זיידנס שמייכל ?
ס׳האָבן טאַטע־מאַמע דיינע
געמוזט פאַרטראַכטן דיך
אונטער אַ וויינשל־בוים
אין אַ פאַרנאַכט, אַ בלויען ;
כ׳וואָלט געשווירן
אַז מיט דעם זעלבן בלויען ניגון
האָט דער בעש״ט געדאַוונט
אין וואַלד פאַר גאָט.
און עס ענטפערט דאָס ייִנגעלע ;
גרר, גרר, גרר,
כ׳בין זעקס לבנות אַלט,
און טראָג אין זיך דעם ניגון
און דעם וווּנדער פון בראשית :.

ליד ער צו חיימען

דיין לעבן

ס׳האָט גאָט דערהערט מיין שטילע תפילה
און דיך אַרויסגעפירט אויפסניי
פון טונקעלער הייל — יסורים פולע,
און דיך געשענקט מיר אויף דאָס ניי.

און ווי אַ פלאַנץ פון נאָך אַ שטורעם
וואָס קוקט דער זון אין פנים גלייך,
דיין לעבן — שעפערישער פורעם,
דיין זיין — אַ שטראָמענדיקער טייך.

פאַר אַלע אויסגעוויינטע טרערן,
פאַר יעדער וואַכנדיקער נאַכט
לויכט ווידער אונדזער בלויער שטערן
מיט שטראַל פון האָפענונג באַוואַכט.

אויב ס׳וועט זיין מיר באשערט

דער טויט —
אַן אומגעריכטער בליץ
האָט דיך פאַרשניטן
אין מיטן פון דיינע אויפגעבליטע
טואונגען און פּלענער.
כ׳ווער קלענער
און געשלאָגענער
אָן דיר.

עס פירט מיך יעדע טיר
צו דיין ליידיקער שטול,
און כאָטש איך ווייס
אַז ביסט דאָ מער ניטאָ,
וויל איך זיך איינריידן
אַז איך הער דיין קול.

איך ווייס —
אַז עס קען שוין קיין זאַך
מער ניט טיפער
אויפרייסן דעם שניט
וואָס ס׳האָט דיין טויט

אַריינגעקאַרבט
אין מיין געמיט,
כ׳ווייס אויך —
דיין גוטסקייט וועט מיך אויסהיטן
פון וואַקלדיקע טריט.
— — — — — —
נאָר איך וועל איינזאַמלען כוחות
פון אַלע יאָרן מיט דיר.
פון דיין טואונג, מחשבה
וואָס ליכטיקט אין מיר.

פון דעם בוים דעם פאַרצווייגטן
וואָס מיר האָבן געפלעגט,
וועל איך איינזאַמלען כוחות
פאַר די ווייטערע טעג
אויב ס׳וועט זיין מיר באַשערט.

אַ קערנדל טרייסט

וואָס איז מיר די גרינקייט
פון בלאַט און פון גראָז,
און דער ראָזעווער צוויט
פון דעם יאַגעדע־בוים,
— אַז דעם חלום וואָס מיר
האָבן ביידע געשפּינט
האָט איבערגעהאַקט
דיין פּריצייטיקער טויט.

אין שכנישן גאָרטן
רייפט שוין דער בעז
און עס פלאַטערט אַ פויגל
אין רוים אַזוי דרייסט,
נאָר איך פּאַדע אַרום
ווי אַ צעוווּנדיקטע טויב,
און וויל כאָטש געפינען
אַ קערנדל טרייסט.

מיין וועלט איז געוואָרן
אַ מינוס אָן דיר,
איך קען מער ניט קוקן
דעם לוח אין פּנים.
ער רוקט דיך וואָס ווייטער
און ווייטער פון מיר,
מיין לעבן פאַרשאָטנט
ווי אַ פאַרנאַכטיקער ברונעם.

אונטער זיבן מאסקעס

אונטער זיבן מאַסקעס
שטומט מיין דינסטער טרויער,
ווער איך שטילער, קלענער,
איינזאַמער און גרויער.

מיטן שפּראָץ פון פרילינג
וועל איך צו דיר קומען
ביי דיין ערדיש בערגל
זיצן לאַנג און שטומען.

אַז איך קען ניט וויינען
און איך קען ניט שרייען —
כ'וועל אויסרייסן אַ גרעזל
און שטומערהייט עס קייען.

אַז אַרום איז טויטקייט
און איך קען ניט קלאָגן,
אפשר וועט דאָס גרעזל
עפּעס וואָס מיר זאָגן.

און אויב אַ פויגל וועט מיך
טרייסטן מיט אַ צוויטשער,
וועל איך זאָגן — פויגל
ברענגסט מיר בלויז אַ ציטער.

צער פון קהלת

אַ האַרבסטיקער פֿאָרהאַנג
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיין שוועל,
נאָר איך צעשטעל
מיינע אויפגעבליטע יאָרן
מיט דיר אין מיין זכרון.

דאָס ליכט וואָס האָט געשטראַלט
צווישן אונדזערע פיר ווענט
האָט ניט דערברענט
און מיך געלאָזט אין טונקל
מיט פֿאַרווירטע הענט.

דאָס ווייסע אַש פון מיינע אָפּגעברענטע זומערס
איז אָנגעפרוירן אין מיינע האָר,
ס׳איז קלאָר —
דער אייביקער צער פון קהלת
שאָטנט אַרום מיר.

די קייט

ווען די אייביקע נאַכט
וועט מיך ברענגען
צו דיין פאַרזיגלטער וועלט
וועט מען מיך בכבודיק
אַריינלאָזן אין קעניגרייך
ווו אַלע — אויסגעדינט פון לעבן —
שלאָפן.

די קייט וואָס קייטלט אונדז
צום לעבן,
פאַרקייטלט אונדז אויך
צום שטויב, צום שטיין
וואָס קניט פאַרזינדיקט
איבער דעם געביין.

בלויז אונדזערע מחשבות
און טואונגען
וועלן ווי פאַרביקע פלאַטערלעך
באַיאָען דעם מאָרגן.

אויף א סימפאָנישן קאָנצערט

דער גרויסער זאַל איז פול מיט צוהערערס,
די לאָמפּן ווערן טונקלער.
פון אַלע מענטשן שיילט זיך אויס פאַר מיר —
איין פּורעם,
פון אַלע פּנימער — איין פּנים.
נאָר איך בין איצט געדענקשאַפט בלויז,
נאָר איך בין איצט — געהער.

אָרקעסטער ווירבלט שטורעם,
די טשעלאָ כליפּעט,
די האַרפע — פלייצט געבעט,
עס ווײנט מיין האַרץ אַראָפּ
פון קלאַרינעט,
און עס שטורעמען די טאַצן —
צו שפּעט, צו שפּעט.

צוויי שורות

אַזאַ לויטערער טאָג היינט, אַ מילדער,
נאָר מיין האַרץ קלאַפּט היינט שאַרפער און ווילדער,

ס׳איז היינט אַזאַ טאָג פון דערמאָנונג —
פון אויפבלי, פאַרגאַנג און פון שפאַנונג,

ס׳האָט געבראַכט מיר אַ גרוס היינט, אַ ווינטל
פון אַ תפילהדיק ביימל צעגרינטן,

וואָס וואַקסט ביי דיין שטיין ; וואו יחידיש
צוויי שורות פאַרקריצטע אויף יידיש,

פון דיין לעבן דערציילן דעם חידוש
פון דיין צושטייער צום פאָלק און צו „יידיש״.

לידער פון 1918 ביז 1958

ב

נאטור לידער און פייזאזשן

מיט גאָלדענע טריט איבער ערד

איבער ערד רינט דאָס בלוט פונעם זומער
זשאַווער־רויט,
בינען־גאָלד
ציטרין־געל,

עלעגיעס שפּילט אויף זיין האַרפע —
סעפּטעמבער,
אַ גאַסט
אויף מיין שוועל.

אין ליכטיקער בלויקייט פון טאָג,
שוואַרצע
צלמלעך
פייגל אַ טשאַטע,

לאָזן בענקשאַפט נאָך זיך אינעם פלי
ווי די וואָלקנדלעך,
ווייסע,
ווי וואַטע.

לבנה — מיין שלאָף האָט צעפּערטלט

פרימאָרגן געבענטשט האָט די ערד
מיינע טריט — איבער ווילדגראָז און דערנער ;
ווי אַ פויגל — מיין האַרץ האָט געפלאַטערט
מיט פרייד פון פולע קערנער.

בייטאָג האָב איך זון־ליכט געטרונקען,
פאַרנאַכט־צו — ווינטעלעך קילע ;
אין אָוונט געציילט האָב איך שטערן,
ביינאַכט — דיינע וווּנדן, די שטילע.

לבנה, מיין שלאָף האָט צעפּערטלט
מיט שאַרפן און בלוטיקן מעסער ;
מיין רו ווערט מיט אומרו געשוואָלן,
פון בייכיקן הימל נאָך גרעסער.

גרוסן פון דאָרף

ערד פולברוסטיקע דאָ וואַרט אויף אַקערשניט,
דרעמלען ביימער זאַט מיט שוואַנגערשאַפט,
אַפּריל־ווינט אַנטבינדט שטייפע קנאָספן,
ס׳שמעקט מיט ווילדגראָז און מיט וואָרצלזאַפט.

ס׳שמעקט מיט ווילדגראָז און מיט וואָרצלזאַפט,
זון וואַרפט זשמעניעס גאָלד אויף אַלע וועגן;
אין שטילן ציטער פון געבורט פלאַצן קנאָספן
אַפּריל־ווינט אַ פריידיקער שמייכלט דיר אַנטקעגן.

אַפּריל־ווינט אַ פריידיקער שמייכלט דיר אַנטקעגן,
און איך, איך בלאָנדזשע אום אויף פרילינגדיקע וועגן;
מיין קינד — אַ גאָלדענער אָרעאָל לייכט צו מיר אַנטקעגן
און איך, איך קוש דאָס גאָלד פון מיינע בליענדיקע וועגן.

ערד פולברוסטיקע דאָ ליגט צעכראַסטעט,
וואַרט אויף אַקערשניט און פולער זריעה,
חלומט פון אייגענער זאַפטיקער בליאונג
פון גאָלדענע זאַנגען און געראָטענער תבואה.

אַזוי פיל בלויע נעכט דאָ וואַרגן זיך מיט שטילקייט,
לבנה־ליכט טריפט פון קנאָספּנדיקע צווייגן,
זשאַבעס זינגען סערענאַדעס צו נאַכטיקער שטילקייט
און דינע בענקשאַפטן אין נעכט אַזוינע שטייגן.

שנײ

װינטער־כמאַרעס — ברודיק־גרויע טויערן,
אויפגעפּראַלט אין פעברואַר זאַװײ,
האָבן אַרויסגעכװאַליעט מחנות װײסע בינען
אין װינטיקן און זוניקן געדרײ.

גרויסשטאָט יום־טובט הײנט אין שנײאיקן פאַרבלי,
טאַנצן װײסע שנײ־בינען אין זײער לעצטן פלי.

װי פאַרבליטע פוטערבלומען צעבלאָזענע פון װינטן,
פלאַטערדיקע שנײעלעך װי װײסע היאַצינטן;

נידערן און קושן דורשטיק װינטערדיקע ערד
און פאַרחלשן ביז טויט אויף זילבער פאָדקאָװעס פון פערד.

טויבן וואָרקען הײנט ניט

נאַס און גלאַנציק ווי אַ ים־לײַב
איז מײַן גאַס.
די ביימער שענקען נאַקעטקייט —
דעם ווינט.
דער רעגן וואַשט זייערע ברוינע שטאַמען
ביז די וואָרצלען.

די טויבן וואָרקען הײַנט ניט,
עס שפּילט הײַנט ניט
איר אַקראָבאַטיש שפּיל —
די פלינקע וועווערקע
מיטן פוכיק גרויען פראַגע־צייכן.

גלעזערנע אַרבעסלעך
קלאַפּן אויס אויפן בלעכענעם דאַך
אַ מאָנאָטאָנעם ניגון.
דאָס וואַסער שטראָמט
אין ווינקלדיקע רערן
און זינגט אַ תפילה־ליד.

זילבערן זיך בלעזלעך
אין די טייכלעך
און דערמאָנען —
אָפענע מײַלער פון פיש.

גאָלדענער צייכן

אַזאַ לויטערע בלוי אין די הייכן,
אַזאַ שפע פון גרין אין דער נידער ;
איבער אַלץ ליגט אַ גאָלדענער צייכן,
ליכט און שאָטן אויף ערדישע גלידער.

אַזאַ גרינער גן־עדן אַרום מיר,
אַ דזשונגל פון כלערליי גרין ;
ס'איז מנוחהדיק, שלוהדיק גוט דאָ,
ווערט דאָס לעבן — אַ נייער באַגין.

טראָגט דעם זומער די ערד אויף איר לייב,
ווי אַ מאַמע איר קינד אויף די הענט,
ביז דער האַרבסטיקער שטורעם פליט אָן
און דאָס קעניגרייך גרינע פאַרלענדט.

דינע העלדזער

אויף נאַכטיקן הימל פייער־שלאַנגען
שטעכן פייערדיקן גיפט דער ערד.
אויף נאַכטיקן פעלד אַ רייעביימער
מיט דינע העלדזער צום בליציקן שווערד.

נאַכט האָט געכמורעט אירע שוואַרצע ברעמען
און דונערדיק צעפייקלט זיך איבער מיין דאַך.
— האָבן פייערדיקע שפיזן געצילט און געטראָפן
דער צעפינעטער אָזיערע נ׳האַרצן גלייך.

וואָלקנס מכשפות האָבן שעפּלען וואַסער
געכליופּעט פון הימל אויף בוים און אויף דאַך.
נאַכט איז ווי דורך פינגער אויסגערונען
און געלאָזן אויפן הימל וואָלקן־קאַליקעס אַ סך.

בעטלער אויף קוליעס, האַרבאַטע מיט בערד
צעפּאָכטע רייטער, אויף גרין־גרויע פערד.

דער ערשט־געבוירענער פרימאָרגן האָט זיך געריבן די אויגן,
פון נאַכטיקער ברוסט נאָך דעם טוי געזויגן.

— און אַז די זון האָט זיך באַוויזן מיט פּנים אָנגעצונדן,
זענען די לעצטע וואָלקן־רייטער פון הימל פאַרשוווּנדן.

צום בוים

בוים וואָס ביי מיין פענצטער, גרינער חבר מיינער,
ווי אַ גוטע מאַמע וואַכסטו איבער מיר ;
ברייט צעלאָזט די צווייגן, מיט אַ גרינעם פּליסטער
ווי אַ שטיל געבעט וואָלט זיך טראָגן איבער מיר.

שלאָפט זיך מיר ניט אָפט דאָ אויף מיין גוט געלעגער,
כ׳קוק דורך דיינע צווייגן אין דער נאַכט אַריין ;
איך הער דיין שטילן פּליסטער, גרינער חבר מיינער,
און דיין שטילע תפילה איך פאַרנעם מיט פיין.

איך און דו, מיר זענען ענג פאַרברידערט,
צוגעוואָרצלט צו דער אייביק-בליענדיקער ערד ;
האָסטו, בוים, אזוי פיל פרילינגען אין לעבן,
מיר, דעם מענטשן, איז איין פרילינג בלויז באַשערט.

מיר ביידע — ערד און שטויב פון ערד געקומען,
און ווען מיר וועלן פאַלן מיד פון לעבנס שלאַכט,
צוריק צו ערד זיך ברענגען פאַר אַ זאַמען,
איז אונדז דער קורצער וועג פון בליען בלויז באַשערט.

אין לעצטן בלי

נאָך גרינט גראָז אויף אַלע לאַנען,
כאָטש בלעטערפאַל איז שוין אין פולן פלי,
מיר ווערט טייערער די גרינקייט פון די לאַנען —
אַ לעצט געשאַנק פון זומער־בלי.

סעפטעמבער־טעג ווי גאָלדענע פאַזאַנען
שפרייטן זייער גאָלד אויף גרינע לאַנען.
כ׳האָב ליב אין אַזאַ טאָג אין בלעטערפאַל צו שפאַנען
און קיינער זאָל ניט פרעגן מיך: וואוהין? פון וואַנען?

אין אַזאַ טאָג פון לעצטן בלי,
שטייגט אויף אין מיר אַ דין געוויין,
אַז ווי אַ בלאַט אין לעצטן פלי
וועל איך אַ פלי טאָן און פאַרגיין.

א צושויערין ביי דער זייט

דער טרויער פונעם שפּעטן האַרבסט
ברענט אין געלע און רויטע פלאַמען,
עס פיבערט דער וואַלד אין זון־פאַרגאַנג,
עס וויינען שטום די שטאַמען.

אַ טשאַטע פייגל ציט פאַרביי —
ווי שפּילצייג־עראָפּלאַנען,
מיט אַ געצוויטשער נידערן זיי
אויף ציטרין־געלע לאַנען.

און איך, אַ צושויערין ביי דער זייט —
פאַרנעם מיט דינעם ציטער
אין שטורעם פונעם שפּעטן האַרבסט
מיין אייגענעם געוויטער.

צו אן אָפּגעפאלן בלאט

דורך דיינע דינסטע אַדערלעך
איז יחוס־בלוט געפלאָסן,
ביז ס'האָט מיט גרינקייט זוניקער
דיין הויט זיך אָנגעגאָסן.

ביינאַכט האָט דיר אַ שטערן־ליכט
געשיקט אַ קוש אַ בלויען,
קאַיאָר האָט ערשטע פלאַטער־רויט
געטאָן זיך דיר פאַרטרויען.

נאָר ס'האָט אַ מאָכיק ווערעמל,
געדולדיק, דורך מעת־לעתן,
אין סאַמע האַרץ דיינס סאַמעטנס
זיך טיף אַריינגעגעסן.

זיך איינגעפּרעסט, צעפרעסן דיך ;
ביז ס'האָט אַ ריס געגעבן
אַ ווינטל דיך אין האַרבסטיקייט
און אָפּגעהאַקט דיין לעבן.

אָ, בלאַט אַראָפּגעפאַלענער,
דו וועסט שוין מער ניט גרינען,
כ'וועל אויך ווי דו ניט אויסמיידן
מיין לעצט אָרט צו געפינען.

אַ רעגן

יאָגן אַשיק גרויע כמאַרעס
ווי אַ סטאַדע גרויע בערן,
זיך צעגראַגערט און צעדונערט
מיט אַ רעגן, מיט אַ שווערן.

טאַנצט אַ רעגן אויף די דעכער —
טויזנט שנאָבלען אין געפּיק,
ווערט דער ווינט אַלץ בייזער, פרעכער,
שמייסט דעם רעגן ווי מיט שטריק.

אויפגעוועקט די גאַס פון דרימל,
שווענקט אַ שטראָם דעם שטאַם פון בוים,
ווייַנט צעקנייפּט פון ווינט אַ בלימל
און אַ גרעזל האַלט זיך קוים.

וואַסער בלעזלט זיך אין לוזשעס,
פון די רערן יאָגן שטראָמען,
אַ סימפאָניע פון וואַסער,
אַ גערויש פון רעגן־שטראָמען.

מיטאַמאָל ווערט שטיל און ליכטיק,
רעגנבויגן גיט אַ בלענד
און צינדט אָן מיט זיבן פאַרבן
ביימער, פענצטער, דעכער, ווענט.

ליד פון מדבר

אַ דורכזיכטיק, ווייס באַדעקנס
אַ שטייגנדיק, דינע, פּאַרע —
איבער טונקלע בערג פון נעוואַדאַ ;
זיי שטייען גרייט, מיט שטאָלץ און בראַוואַדע
אונטערצושפּאַרן אַן אַקסל —
אַ מידער, פאַרבלאָנדזשעטער כמאַרע ;

אונדזער אויטאָבוס לויפט איבער וועגן
פּאָזע פעלדער געשטופּלט מיט דערנער,
עס שווינדלען דורך קאַקטוס-געוויקסן
מיט גרינע און שטעכיקע הערנער.

די בלוי-אויגיקע אָזיערע „מיעד״
שווענקט די פיס פון די בערג פּאַטריאַרכן,
און עס שטייגט אויף אַ מדבריש ליד
איבער שטרעקעס, נעוואַדער, און פלאַכן.

אויף דעם וועג צו גרענד קעניאָן, 1967

שאָטן אויפֿן דאַך

ווינט האָט איינגערוימט
דעם קוימען אַ סוד,
האָט אַ כמאַרע זיך צעטרערט
אויף מיינע שויבן ;
האָבן אייזיקע פינגער
פון רעשטלעך שניי
אויסגעפורעמט
ווייסע טויבן.

טאָג האָט צוגעמאַכט
די גרויע אויגן
און האָט געלאָזט זיין שאָטן
אויף אַ דאַך ;
אין טונקעלן מונדיר
מיט בלויע שיך
האָט זיך געשטעלט
דער אָוונט אויף דער וואַך.

די אָוונטיקע שעה
מיט פראַסטיק־בלויען אָטעם,
דאָס ליכט אין הייזער צינדט ;
לאַמטערנע אויפן ראָג —
אַ גלעזערנע לבנה,
שיכור׳ט מיטן ווינט.

סוף־זומער

א

סוף־זומער. האָניק פאַרב אויףביימער, גראָזן,
אין ווינטיקן געפלאַטער, שלאַנקע קוקורוזן,
אין גרין־גרויען געבלעטער — בייכיקע קרויטן;
אויף יונגע פאָמידאָרן רויטלען זיך די הויטן.

סוף־זומער שפע שפּאַרט פון אַלע קוישן.
אין ווינטיקן געפלי די דאַרע בלעטער רוישן,
אין גאָלד־געשפּאַן — צווײי ווייסע וואָלקנס רייטן;
ס׳דוכט, ס׳ווערן נעענטער די בלויע ווייטן.

ב.

אין עפּל־פאַל, אין בלעטער־פאַל, אין לעצטע זומער־טעג
פיל איך אָן מיינע לאָגלען מיט גאָלד אויף מיין וועג;
שעפּ איך אָן מיינע עמער מיט העל־בלויען ליכט
און מיט בענקעניש שטומער צו דער זון — מיין געזיכט.

בלענדט דער דאָרפישער וועג ווי אַ גאָלדענע זעג,
שאַר איך אָן פולע קוישן מיט גאָלד אויף מיין וועג;
און מיט תּפילות אויף ליפּן צו דער ערד פאַל איך צו,
ביז דער טיפקייט פון נאַכט, ביז דער זילבערנער רו.

בענקשאַפט

האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָכן קלאַ־קלאַ פון בושלען,
נאָכן קלאַ־קלאַ פון בושלען אויף שטרויענע דעכער,
אויף שטרויענע דעכער פון פויערשע הייזער,
נאָך עופות און קעלבלעך ביי פויערשע פלויטן.

האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָכן סאָסנענעם יונגוואַלד,
נאָך שוועלבעלעך יונגע, און בלויע טולפּאַנען,
נאָך ווערבעס ביים וואַסער, נאָך שווימענדיקע שוואַנען,
נאָך זון און נאָך ווינט אויף די היימישע לאַנען.

דאָ אין דער גרויסשטאָט איז פרילינג געקומען
מיט גאָלדענעם פּעכער אויף גאַסן און דעכער,
דאָ פאַרטויבט דעם פרילינג דער גערויש פון די באַנען,
דאָ הערט מען דעם קלאַ־קלאַ פון פייגל־עראָפּלאַנען.

האָט זיך מיר פאַרבענקט היינט נאָך היימישן פרילינג,
נאָך היימישן פרילינג אויף דאָרפישע לאַנען,
נאָך סאָסנענעם יונגוואַלד, נאָך בלויע טולפּאַנען,
נאָך זון און נאָך ווינט אויף די היימישע לאַנען.

אָליעסקאָ און מיקאָלאַ

אָליעסקאָ אַ יונגע,
אַ פֿויעריש מיידל.
אַ גרינער קאַפּטאַנעק,
אַ לייוונטן קליידל,
רויטע קאַרעלן,
אַן אויסגענייט פֿאַרטוך, —
אָליעסקאָ ז׳ פֿאַרליבט
אין מיקאָלאַן דעם פּאַסטוך.

מיקאָלאַ אַ יונגער
פֿול פּויערשן חן.
דערזעט ער אָליעסקען
ער שטשירעט די ציין.
אָליעסקאָ זי וואַרט שוין פֿאַר אים
אין איר הויף, —
ווען ער רופֿט אויף דער דודקע
די טשערעדע צונויף.

אויף די פּלייצעס אַ טאָרבע
מיט ציבעלעס, ברויט.
ס׳איז שוואַרץ און פֿאַרברענט
פֿון זיין פּנים די הויט

אַ סמאָטש מיט די ליפּן,
אַ שפּיי און אַ פּייף.
דעם שטרויענעם קאַפּעליוש
אָנגערוקט שטייף.

אָליעסקאָ באַגלייט אים
מיט שיקסעשע בליקן.
— ער זאָגט איר —
„איך וועל דיך אין וואַלד
דאָרט דערשטיקן,
אַזוי ווי דער אָדלער וואָס פליט
מיט זיין רויב,
וועל איך דיך דערשטיקן...
האָלובטשיק, מיין טויב!"

1918

ציגײַנערקעס

ברוין־געזיכטיקע, שוואַרץ־אויגיקע,
שוואַרץ־צעפּיקע ציגײַנערקעס.
אין רויטע גרינע טוכן
און אין קווייטנדיקע קליידער, —
ווי פלאַטערלינגען, פאַרביקע,
אין פרילינג־טעג אין גאָלדענע, —
וואָס בלאָנדזשעט איר אַרום דאָ
אין דער רוישעדיקער גאַס ?

שוואַרץ־אויגיקע ציגײַנערקעס
מיט רינגען אין די אויערן,
מיט רויטע שנור־קאַרעלן
אויף די קופּער־ברוינע העלדזער, —
ניט דאָ פאַר אײַך צו אומבלאָנדזשען
אין גרויסער שטאָט, אין קאָכעניש, —
צוריק אין אייער וויגעלע,
אין ברייטן פרייען וואַלד.

דאָרט אין דער געדיכטעניש,
צווישן ווילדע קרייטעכצער, —
עס גריזשען פערד דאָס פרישע גראָז
און קאָפּען שוואַרצע ערד ! —

וווּ אייערע געליבטע,
מיט אויגן ווי די פייערן,
קאָכן זיך און שילטן זיך
פאַר געגנבעטע פערד.

אַהין! צעלייגט אַ פייער דאָרט,
אַז צווייגן זאָלן פלאַקערן!
אַזביימער זאָלן וויגן זיך
און ציטערן די ערד!
זאָל גליענדיק און פלאַמענדיק,
ווי איר אַליין שוואַרץ־אויגיקע,
צעוויגן זיך, צעטראָגן זיך
אייער ציגיינעריש ליד!

1918

מיר ווילט זיך ניט פארגיין

דאָס רויטע פישעלע
אין קלייניניקן לאַגון,
מיט זילבער־עקעלע
צעפּאָכעט ווי אַ פּאָן,
שווימט גראַציעז
אַנטקעגן מילדער זון.

דאָס וואַסער רינט
פון בערגלדיקן שטיין,
און זינגט זיך צו
אַ תּפילהדיקן רעפריין.
עס ווײנט אַ לאָטוס־בלאַט :
„מיר ווילט זיך ניט פאַרגיין."

זומער ליגט אַ גוססער
און שפּייט מיט בלוט,
דער טרויער פון פאַרגיין
אויף אַלעם רוט.
נאָך טראָגט דער קוסט
זיין לעצטן גרינעם הוט.

דאָס לעצטע לעבן
שפּאַרט פון אַלע קאַרבן,
אין בלעטערפאַל —
דער לעצטער טאַנץ פון פאַרבן,
דאָס קלענסטע גרעזל וויינט :
„איך וויל ניט שטאַרבן.”

ווינטן

אַ באַנדע ווינטן לויערן אויף דיר, שיקאַגע,
און רייצן אָן לעיק מישיגען אויף דיר,
כ'האָב ליב אויף מישיגען בולוואַר שפּאַצירן
ווען ווינטן גיבן זיך אַ ריר.

ווינטן נישטערן און לויערן אויף אַלע דיינע ראָגן,
טרייסלען פון די מויערן די שויבן,
פאַרטרייבן קנוילן רויך צוגלייך מיט כמאַרעס
און וואַרפן זשמעניעס שטויב דיר אין די אויגן.

זיי יאָגן זיך נאָך דיינע צוגן און טראַמווייען,
און לאַכן אין די פּנימער פון דיינע רייכע זאַלן;
געשטאַנק פון דיינע שלאַכט־הייזער, צעטראָגן זיי —
מתנות — דיינע אָרימע קוואַרטאַלן.

אין נעכט אין פינצטערע, אין נעכט אין בלינדע,
באַזעצן זיי זיך ברייט אין דיינע פרייע פּאַרקן
און פייפן אויס סימפּאָנישע עלעגיעס צו דיר,
און העלפן דיין גרויסשטאָטישע סימפּאָניע פאַרשטאַרקן

מישאוואָקא

(אַ שטעטל אין אינדיאַנע)

זוניקע טעג,
וואַרעמע ווינטן לאַכן אין דיינע גרינע פעלדער.
כוואַליען זיך די גראָזן —
איס־סאַ־סאַ, איס־סאַ־סאַ,
סודען זיך דיביימער —
איש־שאַ־שאַ, איש־שאַ־שאַ.

לויטערע פרימאָרגן שטילקייט —
קלינגט ערגעץ־ווו אַ קלויסטער־גלאָק,
און דער קלאַנג בלייבט הענגען
אויף די שפּיצן ביימער —
בים באַם באָם,
אויף די שפּיצן ביימער.

רייצנדיק ז׳פאַר מיר דיין נאָמען,
מישאַוואָקאַ.
שוועבן וויזיעס פאַר מיינע אויגן —
זע איך דיינע עלטער־זיידעס
טאַנצן זייער שבט־טאַנץ
בום, בום, טאָם, טאָם
מישאַוואָקאַ.

קאָלאָראַדער בערג

פון רעגנס געשוועגקט
פון ווינט אויסגעקנייפּט
שטאַרצן ריזיקע בערג —
רויטע און געלע,
פון שטיין אויסגעפורעמט,
געקרייזלטע בערד.

וואַלדיק צעוואַקסענע היטלען
אויף שפּיצן
פון באַרגיקע קעפּ,
שוואַרצע, צעצווייגטע,
געהיימע פּאַלאַצן
פון שטיין און פון ערד.

צוימט אייך צופוסנס אַרום
קאָלאָראַדאָ —
דער שלאַנגיקער טייך,
איבער פעלדזן און שטיינער און טיפן
ער גאָרגלט
אַ הימנע צו אייך;

פון אוראַלטער שיינקייט
און שטרעקעס
מדברישער ווייט,

אַ הימנע צום געטלעכן כוח
פון לעבן, פון רוים
און פון צייט.

און דאָ, אין דער נידער,
ביים צוים פון די בערג
און צופוסנס דעם טייך,
די באַן ווי אַ קינדערשע שפּילצייג
דרייט זיך
זיגזאַגיש אַרום.

אוראַלטע, מיסטישע שיינקייט,
פאַרוואַלדיקטע
שפּיצן פון בערג —
כ׳דערפּיל זיך
אין אייער גיגאַנטישקייט
הילפלאָז, מילביק און שטום.

אריזאָנאַ־שטרעקעס

גליטשט מײַן באַן זיך
איבער אַריזאָנאַ־שטרעקעס,
שטאַרצן בערג ווי הויקערס
אויף עקרהדיקער ערד.
שלעפּט זיך באַן אין אַ געדריי.
פיטערט זיך אַנטקעגן זון —
אַ טאַבון מיט רויטע פערד,
צופּן וואָרצלען פון דער ערד
באַזאַלצענע מיט פלעקן שניי.

שלעפּט זיך באַן אין אַ געדריי,
דעצעמבער־זון
שלינגט גיריק איין
די רעשטלעך שניי,
דער הימל ווי אין מאַי
איז בלוי,
נאָר ווײַט ביים האָריזאָנט —
בריגאַדעס ווײַסע וואָלקנס
פירן אָן אַ שלאַכט
ווי אויף אַ פראָנט.

שווינדלט דורך פאַרביי
אַן אינדיאַנער יישוב.

די באַן בלייבט שטיין —
אַ יישוב — אָרעם, קליין,
פֿאַרקאַרבט מיט ליים.
ווי אויפגעשטעלטע מומיעס
געקנאָטענע פֿון ליים —
צוויי אינדיאַנער פרויען
ביים שוועל
פֿון זייער היים.

ס'איז זייער קליינע היים
פֿאַראָרעמט און פֿאַרשטויבט,
און ס'וויגט זיך
לעבן זיי
אַ שטריק מיט וועש פֿאַרגרויט,
אַ העמדל פֿון אַ קינד
מיט אַרבל אינעם ווינט —
פֿלעסקעט אויס
אַ ניגון
פֿון אינדיאַנער נויט.

א חתונה אין כמארע־לאנד

משפּחהווייז האַלטן זיך די כמאַרעס אינאײינעם,
זיי דאַוונען אין ווייסע, גאַזעווע קיטלען;
זיי גרויסן זיך, בלאָזן זיך אַריבער די אַנדערע
מיט ווייסע בערד און פּאות און גרויע היטלען.

בלויז די גרויע כמאַרעס שטייען פאַרצאַרנטע —
אָרעמע בעטלער אין פּוכענעם כמאַרע־לאַנד;
מיט האָרבעס און טאָרבעס און פאָלעס צעפליקטע,
שפּילן זיי אויס זייער בעטלער־טאַנץ ביים גרויען ראַנד.

אַרומגענומען שווימען די יונגע כמאַרעס,
זיי אַנטלויפן פון די בייכיקע טאַטע־מאַמעס;
זיי זוכן זייער אייגענעם וועג ביים האָריזאָנט,
רק עס ציט זיי צו די פרעמדע פאַנאָראַמעס.

זיי לאָזן זיך באַצירן מיט גאָלד־שטויב פון דער זון —
די צעכוואַליעטע, צעכראַסטעטע און ווייטע;
זיי ברענען וויאָלעט מיט פייער פון דער זון —
די יונגע כמאַרעס — צעפלאַטערטע, פאַרשייטע.

שווימט אַ דורכזיכטיק־ווייס כמאַרעלע — אַ כלה,
נאָך איר, איר חתן מיט אויסגעצויגענע הענט;
ער גרייכט זי ביי די ווייסע האָר און טאַליע,
און שלעפּט זי צו די זון־באַגילדעטע כמאַרע־ווענט.

ס'אַ חתונה אין כמאַרע־לאַנד מיט דונער־בליצן,
מיר פליען, אונדזער לופט־שיף הוידעט זיך צום טאַקט;
און מיר, די ערדישע, די ניט־פאַרבעטענע,
וואַרגן זיך מיט פּחד אויף בליץ און דונער־טראַקט.

עס איילן זיך גיגאַנטישע כלי־זמרים כמאַרעס
מיט בערד פאַרקאָלטנטע און אַשיק־גרויע פּאות,
מיט פידלען ריזיקע, מיט טרובעס און מיט פּויקן
און שפּילן־אויף אַ פריילעכס אין הימלשע אַלייעס.

אייביקע שפּיל

אויסגעשווענקטע, אויסגעהוילטע ליימיקע בערג —
ריזן פּאַטריאַרכן מיט ליכטיקע בערד.

גרין־בלויע אָזיערע חצופּהדיק לאַכט,
מיט שוימיקע ליפּן אין לבנהדיקער נאַכט.

אָזיערע פאַרגייט זיך אין אייגענעם לאַכן,
היטן זי פּאָטערלעך בערג פּאַטריאַרכן.

לבנה אויף וואַסער — אַ זילבערנער לייטער,
צעפּינעטע כוואַליעס — פון שניי נאָך צעשנייטער.

איך — אַ זעמדעלע צווישן זאַמד,
זע די אייביקע שפּיל נאָכאַנאַנד.

סאוט הייווען, מיש.

ד

מיין שטאם

עדות פון דורותדיקן געוויין

איך בין דער שטיין,
דער רואיק-קאַלטער שטיין,
וואָס טראָגט אין זיך
דאָס פייער פון בראשית.
איך בין דער עדות
פון דורותדיק געוויין,
פון שפּראָץ און בלי,
פון אויפקום און פאַרגיין.

איך האָב געזען
די מעשים דיינע, מענטש,
דאָס זינדיק האַרץ דיינס
פון קדמונים אָן נאָך;
כ׳האָב אויך געזען דיין גוטסקייט,
די שפע פון דיין מי,
פאַרזיי און בלי —
געזאַנג פון פעלד.

איך בין דער נס געווען
אין דודס האַנט,
ווען ער׳ט געטראָפן
גליתן דעם ריז,
און יעקב האָט דערזען
גאָטס לייטער
און מיך געזאַלבט —
דאָס הויז פון גאָט.

דורך מיר האָסטו
געשאַרפט דיין שכל,
מיט מיר געבויט
דיין ערשטן היכל,
מיט אויסקריצן
אויף מיר
די צען געבאָט
האָט מיך געהייליקט גאָט.

געביין פון מיינע עלטער־זיידעס

דאָס נייע מעבל אין מיין וווינונג
האָט אַ שלאָג געטאָן אויף מיר מיט בלאַנדקייט,
מיט זוניקע פרימאָרגנס,
מיט הונדערט־יאָריק וואַלדיק לעבן.

איך גלעט דעם טיש, דעם פּשוטן און גלאַטן,
מיר דוכט ער רעדט צו מיר:
„אָ, היט מיך אָפּ,
איך טראָג אין זיך אַ קרובהשאַפט צו דיר —
פאַרוואַנדשאַפט,
פון דיינע עלטער־עלטער־זיידעס.

נאָך דאַן,
ווען כ'האָב געלעבט מיין וואַלדיק לעבן,
האָב איך דורך מיינע וואָרצלען
אַריינגעזויגן דאָס געביין
פון דיינע עלטער־עלטער־זיידעס.
אָ, היט מיך אָפּ,
איך טראָג אין זיך אַ קרובהשאַפט צו דיר".

איך שטיי פאַרשטומט,
מיט וווּנדער אין מיין האַרצן,
און גלעט מיט ליבשאַפט
דעם גלאַטן, בלאָנדן טיש.

אָנהייב פון סוף

די בערגלעך ערד איבער אייך,
טאַטע־מאַמע מיינע ליבע,
רעדן צו מיר מיט ניי לעבן,
גרינט דער בוים,
סודעט זיך דאָס גראָז,
בליט די רויז.
און עס רעדט די שטילקייט
מיט אָנהייב פון סוף.

איך פאַל־צו צו דער ערד,
איך — אַ צייטווייליקער משכון,
און איך רעד צו אייך,
טאַטע־מאַמע מיינע ליבע,
דורך דעם בוים,
דורך דעם גראָז,
דורך דער בלום
און דורך דער שטילקייט.

מיר זענען איינס ;
איך, איר,
דער בוים,
דאָס גראָז,
די רויז און די שטילקייט.
איך אויף דער ערד,
בלויז —
אַ צייטווייליקער משכון.

סליחות

אין די האַרבסט־נעכט פול מיט אומעט,
ווען אין פענצטער קלאַפּט אַ רעגן,
ווען דער גאָרטן שטייט פאַרטרויערט
און דער ווינט פייפט אויס זיין ניגון, —

ווען דער שמש קלאַפּט אין טירן —
„סטוק, סטוק, סטוק,
שטייט אויף צו סליחות !"
ווען דאָס קלאַפּן פונעם האַמער
מישט זיך אויס אין ווילדן עכאָ
מיט בילן פון די הינט,
מיט פייפן פונעם ווינט, —

דעמאָלט, שרעקן מיך די מינעס
פונעם טאַטנס טיפע קנייטשן,
פון דער מאַמעס בלייכן פנים,
און דאָס האַרץ הייבט אָן צו קלעמען,
און דאָס האַרץ הייבט אָן צו נאָגן —
אין די האַרבסט־נעכט פול מיט אומעט,
ביז עס הייבט שוין אָן צו טאָגן.

— און קוים הייבט שוין אָן צו טאָגן,
מאַך איך אויף פון שטוב די לאָדן,
דורכן פענצטער כ׳קוק אַרויס:
אויף דער גאַס דער בלאָטיק נאַסער
שלעפט זיך ברוך־לייב אַ בלאַסער,
מיטן טלית, מיטן שטעקן —
און זיינע אויגן יעדן שרעקן...

1918

מאמע

דרינגט פון גאַס אַריין
אַ קראַנקע שיין אין צימער, —
וואַרפט אַ מאַטע ליכט
אויף דיין בלייכן פנים,
אויף דעם ווייסן קישן
און אויף די שטומע ווענט.

ביזט קראַנק אָ, מאַמע, קראַנק...
קרעכצסט אַ יעדע וויל,
דריקסט מיין האַנט צו זיך,
מורמעלסט שטיל און גיך.
עס רוישט פאַרביי אַ באַן
און נאָענט וויינט אַ קינד.
די נאַכט שלינגט אַלץ איין —
אויך מיין געבעט — — —

און באַ דיין קראַנקן בעט
און אין דער שטילער נאַכט
הילפלאָז איז דיין קינד, —
אָ, מ—אַ—מ—ע...

1920

יום־טוב

די מאַמע האָט געזאָגט ס׳איז יום־טוב היינט.
האָב איך דעם טיש מיט ווייסן טישטוך געדעקט,
האָב רויטן וויין געשטעלט און גרינע ווייַנטרויבן.
און דורך די פענצטער האָט די זון
געוואָרפן פאַסן ליכט —
אָקטאָבער גאָלד
אויף ווייסן טיש,
אויף רויטן וויין,
אויף גרינע ווייַנטרויבן.

דער טאַטע האָט זיך אויסגעפוצט
אין יום־טובדיקע קליידער,
גענומען לייענען נייעס פון אַ צייטונג.
האָט מאַמע געזיפצט
און אַ פּאָר טרערן האָבן זיך
אַראָפּגעקייקלט אויף אירע בלייכע הענט.
האָב איך באַמערקט:
„ס׳איז יום־טוב היינט
צו וואָס זשע וויינסטו
מאַמע מיינע?"
האָט זי געענטפערט:
„אָט מיין קינד
ניט דאָס וואָס איז געווען אַמאָל"...

1925.

ניט דאָ, ניט הי

דאָס ווייסע הויז וואָס לעבן שליאַך,
די טשאַטע טויבן אויפן דאַך,
די ווייסע קאַץ, די רויטע קו,
דער הונט וואָס דרעמלט זיך אין רו,
דער גאָרטן אינעם זומער־בלי
דערמאָנט אַ סך, אַ סך, אַ סך,
אין טאַטנס הויז, אין טאַטנס מי,
אַמאָל, אַמאָל, ניט דאָ, ניט הי.

און אויפן גאַניק פון דער ווייט
איך זע באַוועגן זיך צוויי לייט,
כ׳קום נעענטער צום גאַניק צו,
מיט שטילן אָטעם, כ׳קוק זיך צו,
נאָר ניין, אָ, ניין, ניט זיי, ניט זיי,
ניט מיינע טאַטע־מאַמע צוויי.

שולדיק

אַ מאַנונג אין מיר, אַ מאַנונג אַזאַ,
ווי אַ רויטער שנאָבל אין אַ בלויער שויב —
פּיק. פּיק. פּיק.
שולדיק.
שולדיק.
שולדיק.

פאַר דיין זיידנס פאַרהונגערטן לעבן —
דו. דו. דו.
פאַר דיין טאַטנס פאַרהאָרעוועטע יאָרן —
דו. דו. דו.
מורמלען מיינע ליפּן,
ניט דערהערט פון קיינעם —
שולדיק.
שולדיק.
שולדיק.

מיין זיידע אין אוקראַינע —
שוין לאַנג מיט ערד באַבערגלט.
מיין טאַטע-מאַמע — דאָ אויף היגן באָדן.
ערד שפּראָצט דורך זיי מיט נייעם לעבן.

און אין מיר אַ רויטער שנאָבל,
פּיק. פּיק. פּיק.
מורמלען מײַנע ליפּן,
ניט דערהערט פון קײנעם —
שולדיק.
שולדיק.
שולדיק.

יידיש לשון

ביסט אין מיר אויפגעגאַנגען —
מיט ערשטער זעאונג פון מיין מאַמען;
נאָך איידער כ׳האָב געוואַגט
אַרויסצושטאַמלען דיינס אַ קלאַנג,
האָסטו אין מיר געזיירן און געשפּראָצט,
אויסגעוואָרעמט פון טאַטע־מאַמע ליבשאַפט,
ביז צום דערקענטניש
פון דיין ערשטן כשוף וואָרט.
כ׳האָב איינגעזויגן דאָס געזאַנג פון פאָלק
אין טאַטנס שטוב,
דעם פלאַטער פון די שבת־ליכט
אין מאַמע־אויגן,
די פרייד פון יום־טוב טעג.
די זאָרג פאַר וואָכעדיקן מאָרגן,
און איבער אַלץ —
די בענקשאַפט נאָך משיח־טעג.
איך בין מיט דיר געוואַקסן
אָ, אייגן, יידיש לשון,
און ווי דיין פאָלק, האָסט דורכגעפיבערט
אַלע לעבנס־שלאַקסן;
אַריינגעשלונגען זיין טרער,
אַריינגעאָטעמט זיין פרייד,
פאַרקנופט מיין לעבן מיט דיר,
מיט אַלע חנען דיינע,
אָ, יידיש לשון, מיינס!

1968

ד

ציטעריקע רגעס

נאָענטקייט

כ׳האָב געבענקט אַזוי נאָך דיין נאָענטקייט,
ווי אַ זעגלשיף נאָך דעם ווינט ;
כ׳האָב געדאָרשט נאָך דיין וואָרט, נאָך דיין פריידיקן
ווי שרייב־פּאַפּיר ווייסער, נאָך טינט.

האָסט באַטראָטן מיין שוועל אַ פאַרשאָטנטער,
מיט טונקעלער כמאַרע אין אויג ;
האָט מיין בענקשאַפט געגליט אַ באַליידיקטע —
אַ גרינע שלאַנג אין מיין אויג.

לאָז דעם שאָטן און כמאַרע פון יענער זייט שוועל,
מיט פרייד קום אַריין, און מיט אויגן־גלי !
דער צער פון דער וועלט איז גרויס אַזוי אויך,
און דאָס גולמדיקע ווינט אין אונדז סיי־ווי...

אַפילו דאָ אין אונדזער ענגן ווינקל,
ווערט מיר גוט ווען די זאָרג גייט אַוועק,
ווען אַ פלאַם אין דיין אויג טוט אַ פינקל
צעגייט זיך ווי נעפּל מיין שרעק,

און ס׳ווערט גרינג מיין נשמה און ליכטיק,
ווי דאָס ליכטיק געשטאַלט פון מיין קינד ;
ווען דיין נאָענטקייט פלאַטערט אַרום מיר
ווי אַ ווייסער זעגל אין ווינט.

איך בין דאָס פעלד

איך בין דאָס פעלד וואָס טראָגט אין זיך דיין זאָמען,
דיין ליבע — אָטעם, רעגן, ווינט און זון;
כ׳וואָלט אָן דיין ליבע גיך אַזוי פאַרדאַרבן,
פונקט ווי דאָס פעלד אין שוואַנגערשאַפט אָן רעגן און אָן זון.

עס וואַקסט אין מיר און שטראָמט אין מיר דיין זריעה
און פילט מיך אָן מיט גלויבן אין דער שניט-צייט;
און ווי דאָס פעלד — איך חלום פון דער שניט-צייט,
פון געראָטענעם שניט און פון גאָלדענער תבואה.

דאָס פעלד איז ברייט און פלאַך און שפּראָצט מיט ברויט,
און איך בין בערגלדיק און בלי מיט לעבן;
איך און דאָס פעלד — מיר זענען איינס,
מיר נעמען און מיר גיבן,
מיר האָדעווען די וועלט מיט מענטש און ברויט.

דערוואַרטונג

ציטעריקע שעה׳ן פון לעבן !
אין דינסטע פעדים פלאָנטערט איר מיך איין.
ווען דינסטע פרייד און אומבאַוווסטער טרויער,
ווי רויטער אויפגעשוימטער, גליענדיקער וויין,
צעשוימען אַלע מיינע יונגע גלידער
מיט זיסן פיין !

ווען לעבן ציטערט אויף אין מאַמעס טראַכט
און שפּאַרט זיך, צו דערזען גאָטס וועלט ;
ווען אין דערוואַרטונג פלאָטערט אויף דאָס האַרץ,
ווי ווייסע פלאַטערלעך אַרום דעם ליכט וואָס העלט ;
ווען שעה׳ן אין לויף פון זייער גאַנג,
ווי יונגע דערשראָקענע פייגל,
פּאַטשן ריטמיש מיט די פליגל אויס
מאַ־מע, מאַ־מע, מאַ־מע ;
ציטעריקע שעה׳ן קלינגען אויס —
מאַ־מע, מאַ־מע, מאַ־מע.

אָ, שטיל געבעט, פליס פון מיינע ליפּן
צו אַלץ וואָס אייביק איז, צו אַלץ וואָס לעבט,
אַז פּיין פון געבוירן זאָל ניט זיין אומזיסט,
אַז פּיין פון געבוירן זאָל ברענגען אויף דער וועלט
דאָס ליכט געוווּנטשענע, דאָס ליכט געגאַרטע !

שטילער צער

אין יענער שעה
ווען עס פֿאַרגייט
דאָס לעצטע ליכט
פֿון טאָג
און שאָטנס נעמען
פֿאַלן אויף מיין שוועל —
אין יענער שעה
פֿאַרוויגט אין שטילן צער
פֿלי איך אַוועק
צו דיר.

ווי גוט איז מיר
צו זיין מיט דיר אינאיינעם;
דו, איך,
און אונדזער שטילער צער.

שרעק

זי איז געקומען צו מיר
אין אַ האַרבסטיקער נאַכט —
מיך געהיט, מיך באַוואַכט,
און מיט פינצטערע אויגן
געלויערט אויף מיר
אויף מיין מינדסטן ריר.

זי איז געקומען צו מיר
אומגעריכט אויף מיין שוועל
און פאַרשווערט מיינע טריט,
און געלאָזט מיר אַן אָנדענק —
אַ פלאַמיקע קרעל
אויף אַ בלוטיקן שניט.

דיינע ליפּן

דיינע ליפּן זענען טרוקן
ווי אין האַרבסט די בלעטער.
קראַנקע שעה'ן הענגען איבער דיין בעט.
שטיל אין צימער.
ס'הערט זיך בלויז דיין שווערער אָטעם
און מיין געבעט...

דרימלסט,
און מיר דוכט, אַז גרויסע שוואַרצע פליגלען
שוועבן איבער דיר —
און הילן דיך איין אין אַ שוואַרצער דעק.
קלעמט אַזוי מיין האַרץ ;
בייס איך איין ליפּן
און איך קוק
ווי דיין לעבן גייט אַוועק...

רגעס פון גענאָד

די זון איז מיד
אַזוי ווי איך,
אַ כמאַרע שאָטנט
איבער איר,
אַזוי ווי איך
אין שעה פון שרעק
מיט תפילה
אין מיין יעדן ריר.

די נאַכט איז אומרואיק
ווי איך —
און עס וויינט מיין גורל
אין מיר שטום,
נאָר יעדע רגע
איז פול מיט גענאָד,
און עמעץ בענטשט מיך
שטיל און פרום.

ווי אנדערש

ווי אַנדערש לויפן די מחשבות ווען מ'איז קראַנק.
זיי ברענגען שאָטנס אָן און פּחדים
פֿאַר אַ וועלט ניט־דאָאיקער און אומבאַקאַנטער,
פֿאַר אַ וועלט פֿאַרהוילענער און בלויז געאַנטער.
ווי אַנדערש לויפן די מחשבות ווען מ'איז קראַנק.

נאָר ס'טרעפט די זון באַווייזט זיך אויף דיין פענצטער,
און ברענגט דיר היילונג אויף אַ גאָלדענער טאַץ.
צערינען דאַן די פּחדים און די שאָטנס,
און בלייבסט פֿאַרבייגלט ליגן ווי אַ מידע קאַץ.

לידער פון שפּיטאָל

א

מײַנע מחשבות —
ווילדע פֿייגל, אײַנגעצאַמט
אין אַ דראָטענער שטייג.
דער פּאַטש פון פליגל
ליגט אײַנגעפרוירן,
נאָר אין די אויגן
ברענט אַ פֿייער
פון דער פאַרגייענדיקער זון.

אין דײַן דערשראָקענעם בליק
האָב איך אַנטפּלעקט אַ תּפילה
פון אַ זיך טרינקענדיקן מענטשן,
כ'האָב געוואָלט דיך ראַטעווען
און דיר צוגעשיקט אַ שמייכל —
אַ בינטל „פאַרגעס־מיך־ניט״.

איך האָב געטראַכט —
די קינדער אונדזערע,
צוויי צווייגלעך צאַרטע,
באַשיצן זאָלסטו זיי
פון בייזער נאַכט,
דיין צערפולן בליק
האָב איך אויסגעמיטן,
געוואָלט דיך דערפרייען
און זיך צעלאַכט.

ב

די קראַנקן־שוועסטער
ביי מיין בעט,
האָט אַ זשום געטאָן
ווי אַ בין אַרום מיין קאָפּ,
האָב איך דערפילט
איר גיפט אין האַנט
און אָנגעהויבן שוועבן
צו אַ ווייטן, ווייטן לאַנד.

שפּעטער איז אויסגעוואַקסן אַ מאַן
אין ווייסע קליידער,
און אין אַ ווייסן טורבאַן,
געוויקלט מיך אין יילעכער ווייסע,
און מיך אַוועקגעפירט
אין קיינעמס לאַנד —
אַ רואיקע און אַ ווייסע...
אין קיינעמס לאַנד.

ג

מיין גוף אויפן שנייד־טיש —
אַ מומיע.
אין געדאַנק האַמערט
דאָס וואָרט „אינוואַזיע״ .
היינט איז דער ערשטער טאָג
פון דער אינוואַזיע,
און איבער מיר
דאָ אין שפּיטאָל־צימער
אויך אַן אינוואַזיע.

די קראַנקן־שוועסטער
האַלט שטייף די גאַז־מאַסקע
איבער מיין פּנים,
און מיט מיין יעדן, לעצטן אָטעם
רוישן אָפּגעהאַקטע ווערטער —
היטלער, גאַז־קאַמער,
היטלער, גאַז־קאַמער.
דער לעצטער אָטעם.
— — — — — — — —
איך גיי אויס
מיט אַלע יידן גלייך
אין היטלערס גאַז־קאַמער.
— — — — — — — —
נאַכט, אייביקע נאַכט.

ד

ווו בין איך עס ?
ווער האָט מיין קאָפּ
פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין ?
ווער האָט מיינע אויגן
פאַרקלעפּט מיט בליי ?
עמעצער האָט אָנגעשטאָכן
שווערדן אין מיין האַלדז
און מיך געלאָזן אויסגיין
אין אַ ברענענדיקער מדבר.
ווער פאָרט עס איבער מיר
מיט טאַנקען,
און רייסט שטיקער אינגעווייד
פון מיר ?

כ׳וויל אויפרייסן די אויגן
און איך קען ניט,
נאָר איך פיל
ווי דו בייגסט זיך
איבער מיר,
און מורמלסט שטיל —
„אַ דאַנק דיר, גאָט,
אַבי ס׳איז שוין אַריבער.״

„אַ דאַנק דיר, גאָט,
אַבי ס׳איז שוין אַריבער״ —
אַ ניגון אַזאַ פלאַטערט
אַרום מיר,
כ׳שליס אויף די אויגן
און דערזע דיך ווידער
אַן אָפּגעראַטעוועטן
מיט בטחון אין דיין בליק.

ה

מיט שפּראָץ אויף טאָג
האָב איך צעעפנט מיינע אויגן,
און כאָטש מיין קאָפּ
איז נאָך געהאַנגען
ווי אַן אויסגעלאָשענער לאַמטערן,
האָבן די ליפּן שטיל געמורמלט:
„אַ דאַנק דיר, גאָט,
אַבי ס'איז שוין אַריבער."

יוני־זון
שפּרייט פּאַסמעס גאָלד
אויף מיינע קישנס,
עס וואַרטן אויף מיר בריוו,
באַנבאַנעס, בלומען.
נאָר איבער אַלץ
פלאַטערט אום אַ ניגון —
„אַ דאַנק דיר, גאָט,
אַבי ס'איז שוין אַריבער."

1942

נאָך גוט

די גרויע וואַנט פון מיין שפּיטאָל־צימער
קוקט מיר שטענדיק אין די אויגן אַריין,
זי טיילט מיר צו מעת־לעתן גרויען אומעט,
זי איז דער עדות פון אַלע מיינע טראַכטונגען.
מיר שלינגען שעה׳ן איינזאַמקייט אינאיינעם
און רייסן־אויף די גרויע שטילקייט
מיט אונדזערע דערוואַרטונגען.

די ביימער וואָס קוקן אַרויף צו מיר
אַזש ביזן אַכטן גאָרן
שטייען ווי אבלים פאַרלאָרן
מיט גרויע בערד
און טונקעלע מונדירן.

נאָך גוט וואָס די בלומען אויף מיין טישל
אָטעמען מיט לעבן.
נאָך גוט וואָס אַ פויגל קרייזט פאַרביי
און לאָזט פאַר מיר —
דעם פלאַטער פון אַ פליגל.

ווייס געוועב

די ערד האָט זיך באַנייט מיט פרילינג
און איך — מיט ווייס געוועב אין מיינע האָר;
די ערד האָט אויפגעשפּראָצט מיט נייעם לעבן,
צו מיר איז צוגעפאַלן פּיין פון נאָך אַ יאָר.

אונטער מיינע פענצטער בליען שוין טולפּאַנען
און איך מיט בענקשאַפט גלי נאָך מיינע אַכצן יאָר,
ווען עס האָט אַ ניגון שטיל געטריפט פון מיינע אויגן
און ס׳האָבן פלעקן זון געגליט אין מיינע האָר.

געבורט

אויפגעקוואַלטע ווײ־געשרייען, יסורים פון געבוירן
שטראָמען אָן און קלאַמערן זיך אויף די ווענט —
האָבן ווייען פון געבוירן אויסגעפּיקט דעם נאָמען „מאַמע״,
האָט אַ מאַמע צוגעטראָגן איר חלק צו דער וועלט.

שפּיטאָל־געהילף, ווי אַ ווייסע פלאַטערדיקע מעווע
פלאַטערט אום אין לאַנגע קאָרידאָרן,
און דאָ אין צימער, אויף ווייסע שמאָלע בעטן
גייט־אויף דורך פּיין אַ פרייד פון ערשט־געבוירן.

גייט־אויף דורך פּיין אַ פרייד פון ערשט־געבוירן,
און מאַמע האָט דערפילט דעם ערשטן ציטער פון איר קינדס
באַריר,
גייט־אויף אַן אַראָמאַט פון שאָקאָלאַד און מעדיצין,
און פרישע כריזאַנטעמעס וואַכן איבער איר.

פרישע כריזאַנטעמעס וואַכן איבער איר,
און זי, זי טראַכט פון ערשט־געבוירן קינד, פון וועלט און
מענטש
אַז ניט פאַר זיך האָט זי געבראַכט דאָס קינד אירס אויף דער
וועלט,
נאָר פאַר דער וועלט,
ס׳זאָל טראָגן מיט רעכט דעם נאָמען „מענטש״.

1928

פאר דיין טראָפּעלע געגאָד

פאַר דעם שלעכטס פון דער וועלט
ווערט מיין האַרץ
מיר פאַרקלעמט,
ווערט מיין צונג
מיר פאַרשטומט
פאַר דעם גרויל פון דער וועלט ;
פאַר אַ ביסעלע גוטס,
פאַר דיין טראָפּעלע געגאָד
שיקט מיין אויג דיר אַ לויב
און מיין האַרץ ווערט אַ טויב.

א קויש מיט ברכות

רות — מיין אייניקל

מיין ערשטלינג אייניקל,
מיין בינטל ליבלעכקייט,
איך טראָג מיין באָבעשאַפט צו דיר —
אַ קרוג מיט אַלטן ווייַן;
כ׳האָב פולע קעשענעס פאַר דיר
צעבליטן מאַמע לשון,
פון דורותדיקער פרייד
און דורותדיקער פּיין.

כ׳האָב סטענגעלעך פאַר דיר פאַרגרייט
מיט אַלף־בית קאָלירטן,
און וויג־לידער
מיט היימישן, ירושהדיקן חן,
עס זאָלן טאַטע־מאַמע דיינע
שטענדיק פאַר דיר זינגען:
מיין יידיש ניגון פון דיין וויג
זאָל קיינמאָל ניט פאַרגיין.

איך ברענג צו דיר, מיין אייניקל
אַן אָנגעפילטן קויש
מיט פריידיקע, מיט שטאַמיקע,
משפחהדיקע ברכות,
און טראָג מיט פרייד צו דיר

מיין באָבעשאַפט פאַרויס
דער וועלט — דער קריגערישער
אויף צו להכעיס.

ס׳האָט יענע רות פון מואָב
מיט ליבשאַפט זיך באַקערט,
און אויסגעוויילט פאַר זיך
דיין פאָלק און גלויבן;
טאָ זאָל דיין נאָמען, רות,
אויך איצט זיין פאַר דיין פאָלק
אַ שטראַל פון האָפענונג
און פון דערהויבונג.

איך שליס דיך איין
אין מיינע אָרעמס, פּיצל קינד,
און ווי אַמאָל דיין מאַמען
מיט אַ ליד איך בענטש:
זאָלסט אויפגיין פאַר דיין פאָלק —
אַ לויכטנדיקע פרייד,
און טראָגן מיט רעכט אויף זיך
דעם נאָמען מענטש.

פיצל

פיצל, פיצל, פיצעניושקעלע,
קליינינק מיידעלע פּאַמפּושקעלע,
אויגן — שטיקלעך הימל, בלוי,
שטייט אַליין שוין, אָט אַזוי.
שטייט אַליין און טוט אַ שפּאַן
און אין דיל אַ טאַראַבאַן!

אָבער ניט מיט אַ געוויין.
פיצל הייבט זיך אויף אַליין,
הייבט זיך אויף און ציט זיך אויס,
שטעלט אַ פּיסעלע פאָרויס.
איינס און צוויי און דריי און פיר,
פיצל איז שוין באַ דער טיר.

קומט דער שטילער אָוונט אָן,
מאַמע צינדט די לאָמפּן אָן.
זשוזשע—זשוזשע, כי און כאַ,
אַ פּאַמפּושקעלע אַזאַ!
נאָר סע שטיפט און נאָר סע לאַכט,
ס'וואָלט געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט.

אַ ייִנגעלע — אַ שרעטעלע

דודל מיין דודל —
בלויז דריי חדשים אַלט
דאָס קעפּעלע מיט רויטן פוך
דאָס פּנימל צעשטראַלט.

צעעפנט ער דאָס מײַלעכל
ווי אַ פישל קעגן זון,
נאָר וואָרקעט ווי אַ טײַבעלע
פון פרי באַגינען אָן.

דאָס רעדט ער צו די פייגעלעך
אַ שפּילעכל פאַר אים,
פּאַפּירענע, קאָלירענע
וואָס פליען איבער אים.

אַ ייִנגעלע — אַ שרעטעלע
בלויז דריי חדשים אַלט,
ליגט דודל אין בעטעלע
מיט אייגעלעך צעשטראַלט.

מיין ליכטיקע

ווער האָט מיין מיידעלע, מיין ליכטיקע,
אַוועקגעלייגט אין בעט ;
אויף בליענדיקע זומער־טעג,
אויף ליכטיק זומערדיקע נעכט ?

פרימאָרגן בלוי, מיט פרישער פרייד
שליסט מיידעלען די אויגן אויף,
ברעקלעך זון אויף ווייסן בעט
שטיקלעך גאָלד אין אירע צעפּ.

ביים פענצטער אויף אַ קאַרשן־צווייג
אַ פייגעלע זינגט „געזו־געזו״
און בינעלע גאָלד, גלייך אין שויב :
זו־זו־זו, געזונט ועסטו זיין.

קומט אָוונט צאַרט, שפּרייט בלויען זייד,
לבנה פּלאָנטערט אירע האָר,
שושקעט אויף אויער איר —
געזו, געזו, געזונט וועסטו זיין.

איבער איר בעט די מאַמע וואַכט
און ציילט די שטערן יעדע נאַכט,
און יעדן טאָג — אַ נייע זון.
מאַמע שטיל, און מאַמע צאַרט
רוימט מיידעלען אין אויער איין ;
געזו, געזו, מיין ברעקל גאָלד,
געזונט וועט מיין ליכטיקע זיין !

אכצן שמייכלען

זונטיק פרי.
גלאָקן קלינגען, קלינגען
און וועקן זי פון שלאָף.

די וואָלענע קאָלדרע
האַלט זי איינגערייפט
אין רייפן פון זיכערקייט.
אַכצן שמייכלען
טאַנצן מיט נצחון
אויף אירע טונקעלע וויעס.
ווי אַ פאַנטאַסטיש
ווייס פלאַטערל
רוט איר קלייד אויף אַ שטול.
אויף אירע שיך
גליט נאָך דער פלאַם
פון דער נעכטיקער האָראַ.

מיט פאַרליבטע אויגן
פלאַטערט איבער איר
דער נעכטיקער אָוונט.
די וואָלענע קאָלדרע
האַלט זי איינגערייפט
אין רייפן פון זיכערקייט.

גלאָקן קלינגען, קלינגען
און קענען זי ניט
אויפוועקן פון שלאָף.

א שטיקל רעגנבויגן

א

אַ זומער־רעגן פֿאַלט פֿון דאַך —
טעפּ, טעפּ, טעפּ,
לויפֿן קינדער באָרוועס אום
אויף די נאַסע טרעפּ.

גרינעןביימער, גרינט דאָס גראָז,
ס'איז וואַסערדיק דער הימל,
אויף דעם גרינעם פֿעלד — אַ קו
כאַפּט דערווײַל אַ דרימל.

אויף אַ בוים — אַ פֿייגעלע
מיט שנאָבל אונטער פֿליגל —
אײַנגעגנורעט אויף אַ צווײַג
אין אַ נאַסן וויגל.

אָנגעשפּיצט די אויערן,
אויף דעם נאַסן גראָז
שטייט אַ העזעלע, אַ יונגס,
און נישטערט מיט דער נאָז.

ב

קוקן קינדערלעך פֿאַרגאַפּט
אויף דעם זומער־רעגן,
מיט אַמאָל לויכט־אויף די זון
אויף די נאַסע וועגן.

זאָגט דוד׳ל צו דנ׳עלען:
זע, אַ רעגנבויגן!
כאַפּט רותעלע אַ טיכל —
פֿאַרבינדט יאָסעלען די אויגן.

זאָגט אַהרעלע, איר ברודערל
מיט די גרויסע אויגן:
איך וועל אויסבויען אַ שיף אַזאַ
און פֿליען צום רעגנבויגן;

איך וועל אייך אַלע מיטנעמען,
און פֿליען פֿייל אויסן בויגן!
און וועל אַיעדן איינטיילן
אַ שטיקל רעגנבויגן!

א מעשה מיט א ווינט, א ווינטעכע, א ווינטעלע און א קליין הינטעלע

ווינט, ווינטעכע און ווינטעלע
האָבן זיך באַקענט מיט אַ קליין הינטעלע, —
האָבן זיי געוווינט אין אַ שטיינערנער הייל,
הערט זשע, קינדער, וואָס איך דערצייל.
צווישן אַ הויכן באַרג, און צווישן אַ גרינעם טאָל,
האָט די מעשה געטראָפן אַמאָל, אַמאָל. —

האָט ווינט געשטורעמט — ווו־הו־הו,
ווינטעכע — וואַ־האַ־האַ
און ווינטעלע — ווי־הי־הי.

אַ פּנים האָט געהאַט ווינט —
שוואַרץ ווי טינט.
הויך און דין איז ער געווען,
העכער פונעם העכסטן בוים
און גרעבער פון אַ פאַדים קוים.
געטראָגן האָט ער אַ ווינטיקע קאַפּאָטע,
מיט לאַנגע, שמאָלע פּאָלעס
אַ שוואַרצע ווי די בלאָטע.

ווינטעכע־קיילעכיק ווי אַ גרויסע פאַס,
האָט ליב געהאַט פון איטלעכן צו מאַכן שפּאַס,
האָט פאַרמאָגט אַ מויל אַזוי ברייט ווי אַ טויער
און אַ גרויסע בראָדעווקע אויף איר לינקן אויער.

גראָב די באַקן, און קיילעכיק די נאָז
האָט איר פּנים אויסגעזען אַזוי ווי אַן ארבוז.
געטראָגן האָט זי אַ קלייד מיט פאַלדן אַ סך
האָט זיך עס געכוואַליעט אַזוי ווי אַ טייך.

און ווינטעלע אַ פּיצל
מיט פיסלעך ווי אַ שפּין,
קאַסאָקע די אויגעלעך
אַהער און אַהין,
גרויס איז דאָס קעפּל
און פלאַטשיק דאָס נעזל,
אַ העלדזל אַ דינינקס
און גרין ווי אַ גרעזל.

איינמאָל האָט צו זיי אין הייל —
הערט זשע, קינדער, וואָס איך דערצייל —
פאַרבלאָנדזשעט אַ קליין הינטעלע.
ווייס־ציינדעלע, שוואַרץ־פינטעלע,
אַזוי האָט געהייסן ס׳הינטעלע.
אַ גוטן אָוונט דיר, ווינטעלע,
לאָז אַריין, כ׳בין הונגעריק,
איך בין ווייס־ציינדעלע, שוואַרץ־פינטעלע,
אַזוי האָט געזאָגט דאָס הינטעלע.

איז אַרויסגעלאָפן די ווינטעכע:
וואַ־האַ־האַ, וואַ־האַ־הא,
וווּ איז דיין מאַמע, די הינטעכע?
האָט זי געפרעגט דאָס הינטעלע,
וואָס איז געשטאַנען לעבן ווינטעלע.
„גיט מיר אַ ביינדעלע,
וועל איך אַ קיי טאָן אויף מיין ציינדעלע,

װעל איך אײַך דעמאָלט דערצײלן
װי אַזױ איך בין געקומען
צו אײַך אין די הײלן״.

װו־הו־הו, װו־הו־הו,
האָט זיך צעשפּרײט דער װינט ;
קײן אײן בײנדעלע איז ניטאָ
אין הײל אַצינד.
האַװ־האַװ־האַװ, האַװ־האַװ־האַװ,
האָט זיך צעװײנט דאָס הינטעלע.
„עס װאַקסט אין טאָל בײ אונדז שטשאַװ״,
האָט באַרואיקט דאָס װינטעלע.
װען מ׳איז הונגעריק עסט מען אַלץ,
האָט געשריען די װינטעכע,
גײ אַהײם, גײ אַהײם,
צו דײַן מאַמען, דער הינטעכע.

„צו מײַן מאַמען דער הינטעכע
קען איך ניט גײן,
האַװ־האַװ, איך האָב מורא צו גײן אַלײן״.
„כ׳װעל דיך נעמען אויף די הענט״,
האָט געזאָגט די װינטעכע,
„און מירן דיך ברענגען אַהײם
צו דײַן מאַמען, דער הינטעכע״.
האָט װינט אָנגעטאָן זײַן לאַנגע קאַפּאָטע,
די װינטיקע קאַפּאָטע, שװאַרץ װי די בלאָטע.
און װינטעכע האָט צורעכט געמאַכט
די פאַלדן אויף איר קלײד
און דאָס װינטעלע, דאָס פּיצל,
האָט זיך צעטאַנצט פון פרײד.
װו־הו־הו, װו־הו־הו,

האָט געשטורעמט דער ווינט,
איבער דעכער און ביימער מיר פליען אַצינד.
וואַה־האַ־האַ, וואַה־האַ־הא,
איבער ביימער און דעכער
אין אַזאַ פינצטערער נאַכט,
ווער פון אונדז קען פליען העכער ?

אויף איין האַנט דאָס הינטעלע,
אויף דער צווייטער דאָס ווינטעלע,
גיכער נאָך פון ווינט, איז ווינטעכע געפלויגן.
ביז עס האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן,
ביז דאָס פיצל הינטל איז צו דער ערד געפלויגן.
צו דער ערד געפלויגן מיט צוגעמאַכטע אויגן.

קינדער אינעם שול־הויף־האָבן עס געפונען —
צוגעמאַכט די אויגן, ליכטיקע ווי זונען,
ווינטיכע און ווינטעלע האָבן שטיל געטרויערט,
ערגעץ האָט אומזיסט די הינטעכע געוואָיעט.

ו

לויטערע מינוטן

דו

דו רעדסט ניט פיל.
דיר פעלט אַ פריינד
וואָס זאָל פאַרשטיין
דיין יעדן בליק —
לאָז מיך זיין דיין פריינד.

שווייגן

איך טראָג אַ שווייגן מיט זיך
ווי אַ שטילע נאַכט אין פריען האַרבסט, —
ווען די פייגל הערן־אויף צו זינגען,
ווען עס וועלקט די לעצטע זומער־בלום.

איך טראָג אַ שווייגן מיט זיך —
דאָס שווייגן פון אַ קינד
וואָס קען שוין מער ניט וויינען.

1920

א טרער

טיף אין מיר,
טיף אין מיר
ציטערט אַ קלאַנג
פון אַ ליד,
אַ פאַרשניטענער
אין מיטן געזאַנג.

טיף אין מיר,
טיף אין מיר
וויינט אַ טרער,
פון מיין פאָלק —
אַ דערשלונגענע,
פול און שווער.

מיינע ליפּן מורמלען

דער אָוונט קומט צו מיר
מיט שטילע טריט.
מיר דוכט: דו זיצסט אַנטקעגן מיר
און לייענסט פאַר מיר אַ ליד.
נאָך יעדער שורה, פאַלט דיין בליק אויף מיר.

און איך? איך הער קיין איינציק וואָרט
וואָס דו לייענסט —
בלויז מיינע ליפּן מורמלען שטיל:
„כ'האָב דיך ליב" — — — —

1920

דיינע רייד

דיין שטיל געוויין האָט אָפּגעשווענקט
דעם שטויב פון מיין נשמה.
איצט לייטערט זיך מיין האַרץ פון פרייד —
און ווידער האָבן דיינע רייד פאַר מיר
צעבליט זיך
ווי אָפּגעפרישטע בלימלעך
נאָך אַ דינעם רעגן.

1925

א ווייסע לאם

אַרויסגעווינטיקט פון זיך אַלע ווידערשפּעניקייטן,
בין איך איצט אַ ווייסע לאַם ביי דיינע כישוף־טויערן.
דאָס לעבן וויל ניט טרויערן,
דאָס מינדסטע גראָז וויל איינשלינגען
אַ פלעק פון זון ;
און כאָטש דאָס בלעטערוואַרג האַלט שוין אין שימלען,
אַ מוראַשקע־מלוכה טוט זיך אין דעם ווימלען.

אין פינצטערניש אַ וואָרעם ווערט געבוירן,
און קיין זאַך אין דיין אוניווערס
ווערט ניט פאַרלוירן ;
נאָר איך בין איצט אַ ווייסע לאַם
ביי דיינע כישוף־טויערן,
און שלינג אין זיך דיין לויטערקייט
וואָס איבער מיר טוט הויערן.

נאָקטורן

ל. מאַטעסן

גרויער שטויב אויף לבנה —
ביימער סילועטן —
דערשראָקענע הירשן
מיט פאַרפּלאָנטערטע הערנער
הילן זיך אין גרויקייט.

זאַפטן שפּאַרן זיך פון ערד אַרויס,
קנאָספּן פּלאַצן אין דער נאַכט אַריין.
שטיל — אַ בלעטל ווערט געבוירן.

אָפּשייד

מיט ציטעריקע ליפּן
קוים „זײַ געזונט" געזאָגט,
שווייגנדיק געדריקט די הענט.

געלאָזט זיך גיין צום באַן,
זיך אומגעקוקט —
דיין לעצטער בליק,
איך זע דיך שוין ניט מער.

בליצט-אויף פאַר מיר אין באַן
דיין לעצטער שטומער בליק, —
וואָס גיט מיר ניט קיין רו. — — — —

1920

צווייגלעך נאָך פאַרטריקנטע

צווייגלעך נאָך פאַרטריקנטע,
בלעטלעך ניט צעוויקלטע,
אין מיין האַרצן קאָרטשען זיך,
קאָרטשען זיך פון קעלט,

בענקען נאָך אַ זונענשטראַל,
נאָך דעם טוי פון וואַסערפאַל,
אין מיין האַרצן קאָרטשען זיך
קאָרטשען זיך פון קעלט;

ציען זיך און הייבן זיך,
ווילן דאָרט דערהייבן זיך,
ליכטיקע דערהייבן זיך
צו אַ נייער וועלט.

1918

בענקשאַפט

כ'וואָלט וועלן אַז מיין האַרץ
זאָל זיין אַ קערנדל
און ליגן זאָל עס אינעם פרייען פעלד,
אַ זינגפויגל זאָל אויפפּיקן דאָס קערנדל
און אויסזינגען זאָל ער אין פרילינג־נעכט
די ליבע און די בענקשאַפט פון מיין האַרץ.

1918

ז

טעג אין חומש־לאנד

מחשבות פון מיין שטאם

די וואָלקנס הענגען נידעריק
ווי אויסגעבעטע נעסטן,
עס וואַרפט די שיף זיך פיבערדיק
מיט ווייט זיך צו פאַרמעסטן.

מיט אורצייט רוישט דער ים,
מיין האַרץ פאַרגייט אין ציטער —
מחשבות פון מיין שטאַם
אין לעצטן וועלט־געוויטער.

דער שונא האָט פאַרצערט,
דער ים האָט גיך פאַרשלונגען,
פון אונדזער גאָלדענער קייט
צעשטויבט אויף אַש די רינגען.

די נאַכט פאַלט צו צום ים
מיט מיסטישע געשטאַלטן,
מחשבות פון מיין שטאַם
זיי טוען מיך פאַרהאַלטן.

נאָר ערגעץ טיף אין מיר
גייט אויף אַ שטיל געזאַנג —
דיין פאָלק בליט אויפסניי
אין אַלטן חומש־לאַנד.

דער ים שלינגט שטיקער נאַכט,
דער ווינט — מיינע מחשבות,
און איך — אַ פויגל, פלי
צום לאַנד פון מיינע אָבות.

תל־אביב

ווייסע מויערן,
צעפליגלטע טעראַסן,
טעג צעשפּיגלטע
אויף דיינע גאַסן.

אומעטום —
די שילדן אין עברית,
ברענט דער אַלף־בית
מיט זון צעגליט.

אַלערליי לשונות
זשומען אויף די ראָגן,
ווי בינען — אין די
זוניקע פֿאַרטאָגן.

אָונטצייט שפּאַצירט מען
ביי דעם ברעג פֿון ים,
אַלערליי קאָלירן —
קינדער פֿון מיין שטאַם.

ברידער מיינע, יידן
פון דער גאָרער וועלט,
אויף גאַסן תל־אביבער
האָט איר זיך דערקענט.

לאַכן בלויע כוואַליעס,
פּלאַפּלט אויס דער ים
סודות פון דיין אויפשטייג
הערשאַפטקייט פון שטאַם

שטאָט דו יידישע
פון אויפשטייג און נצחון,
ס'האָט מיין פאָלק
פאַראַנקערט דאָ בטחון.

סאַבראַ

דו שטעכעדיק געוויקס,
פאַרזייט פון קיינעמס האַנט,
ביים צוים פון יעדן וועג
פאַרצווייגט ביזט דאָ אין לאַנד.

מיט שטעכעלקעס דיין בלאַט,
מיט מדברדיקן בלוט,
משפּחהדיק געדיכט
גליט רויט דיין פּרוכט.

ס׳איז מילד און זיס דיין פּרוכט,
און מילגרוימדיק באַטעמט,
מיט זון־שפּרינקעלעך באַחנט
מיט מדבר־שטויב פאַרסמט.

דו אויסגעפּרוווט געוויקס
פון מדברדיקן ווינט,
פון ברענענדיקער זון,
פאַרשטויבט, און דאָך צעגרינט, —

מעג שרפען דיך די זון,
מעג קנייפּן דיך דער ווינט
דו אויסגעפּרוווט געוויקס,
סימבאָל פאַר אייגן קינד.

הייל פון שוידער

(ביים הר ציון)

דאָ שמעקט מיט שטויב
פון דוד המלכס סאַנדאַלן,
מיט קבלה ווינקט צו מיר
דער שטיינערדיקער לאַבירינט;
און ס'זענען געסט אַזוי פיל דאָ
און מחותנים —
געבראַכט אַהער פון יענער וועלט
צו לעבן דאָ אין אייביקייט.

די שמות אויף די ווענט
פון ספרים הייליקע
וויינען דאָס געוויין
פון אומגעבראַכטע שטעטלעך.

אָפּגעראַטעוועטע ספרי־תורות
ווי צעפּייניקטע בעלי־מומים
טוליען זיך אין ענגשאַפט
און וואַרטן אויף דערלייזונג.

דאָ ברענען יאָרצייט־ליכט
און פינטלען אויס
דעם טרויער פון מיין דור.

פון אַ שאָטנדיקן ווינקל
קוקט אויף מיר אַ קריגל אַש
מיט מיליאָנען אויגן
פון מיין אומגעקומען פאָלק ;
פון אַלע ווינקלען קריכט אויף מיר
דער שוידער פון דער צייט.

כ׳מאַך צו די אויגן
און עס מורמלען מיינע ליפּן —
שולדיק, שולדיק,
איך —
אַ לעבעדיקער קרוב
צווישן טויטע מחותנים.

1950

אונדזער נייע היים

אויף די בערג פון יהודה
שטייען לייוונטענע געצעלטן,
רייסן זיי זיך צום הימל,
זיי חלומען פון בלאָנדע מויערן
מיט צעפליגלטע באַלקאָנען.

צוויי־טויזנט־יאָריקע שטילקייט
האָט זיך צעקוועלט
מיטן שוווּנג פון אַ האַמער,
צוויי־טויזנט־יאָריקע שטילקייט
האָט אויפגעציטערט
מיטן מעכאַנישן גערויש פון טראַקטאָר,
און אַ פאַרשטויבטע סטעזשקע אין טאָל
האָט זיך דערפרייט מיט די יונגע טריט
פון אַ תימנער יידישער טאָכטער.

אין די שפּאַלטן פון די בערג
זינגט דער ווינט אַ נייעם ניגון —
אונדזער היים, אונדזער היים,
אונדזער אַלט־באַנייטע היים!

א טרייסט אויף יעדער שוועל

מיין זיידנס חלום און מיין טאַטנס בענקשאַפט
איז מיר באַשערט געווען דערטראָגן צו דעם לאַנד,
ווו יעדער באַרג בראשיתדיק באַגריסט דיך,
ווו יעדער שטיין שטרעקט אויס צו דיר אַ האַנט.

צו דיינע ברעגן שטראָמט מיין פאָלק פון אַלע עקן וועלט,
די אויסגעפייניקטע, אַנטרונענע פון מאַסן־טויט;
דו היילסט די וווּנדן זיי, בויסט זיי אַ געצעלט,
און טיילסט מיט זיי דיין לעצטן ביסן ברויט.

ווי שוועמלעך אין אַ וואַלד — אַזוי פיל קיבוצים,
פאַרטאַיעטע, צעוואָרפענע אויף שטיינערדיקער ערד,
פאַר יעדן ניי־געקומענעם — אַ טרייסט אויף יעדער שוועל,
מיין פאָלק באַנייט זיך דאָ מיט ליבשאַפט צו דער ערד.

אַזוי פיל קברים דרימלען דאָ אַנטקעגן זון
צווישן שטיין, אויף באַרג, אין מדבר דיקן זאַמד.
געפאַלן זענען זיי, די העלדן פון מיין דור,
און ניט דערלעבט צו פרייען זיך מיט בוי פון אייגן לאַנד.

גאָט האָט דאָ פאַרפלאַנצט אַזוי פיל שטיינער,
זיי זאָלן ערב זיין אַז נאָך צוויי טויזנט יאָר
זאָל אויפשטייגן מיין פאָלק אין „טאָל פון ביינער"
מיט ניי געזאַנג פון בוי און בלי אויף וואָר.

חנה סענעש

א

האָסט פאַרלאָזן דיין היים, דיין נגידישע,
דיין פיינטלעך אונגאַריש לאַנד,
מיט ליבע צום פאָלק צו דיין יידישן
זיך געלאָזט צום געגאַרטן לאַנד.

ס׳האָט ליבע יהודה־הלוי׳שע
און בענקשאַפט נאָך ציון געגליט,
און ביאַליקס וואָרט, דאָס נביאישע,
האָט גבורה אין דיין האַרצן געשמידט.

צום קאַמף פאַר דיין פאָלק דיין פאַרפייניקטן,
צום קאַמף פאַר אַן אייגן לאַנד,
האָט דיין מיידלש האַרץ ווי אַ שוועבעלע
זיך געצונדן נאָכאַנאַנד.

ס׳האָבן פרילינגען צוואַנציק געבליט אין דיר,
ווען דיין טראָט האָט געזונגען אויף ערד,
אין „ארץ״, דעם לאַנד אויסגעחלומטן
ווען דער שונא געשאַרפט האָט זיין שווערד —

און געווייקט עס אין בלוט אונדזער יידישן,
יידיש לעבן אין אויוונס געברענט —
האָט דיין יונגע נשמה, מאַרטירערשע,
אירע פליגל צום שטורעם געווענדט.

װי אַן אָדלער צום פֿעלדזיקן באַרג
האָסט געלאָזט זיך צום װעלטישן פֿײַער,
פֿאַר דער פֿרײַהײַט פֿון אײגענעם פֿאָלק
האָסט געגעבן דײַן לעבן צושטײַער.

ס׳האָט דער שונא פֿאַרחתמעט זײַן זיגל
איבער דיר, אומדערשראָקענע שװעסטער,
עס װערן בלײַך אין דײַן ליכט, חנה סענעש,
די מגילות פֿון רות און פֿון אסתר.

חנה סענעש, דײַן נאָמען לױכט אױף
װי דער מולד אױף שטורמיקן ים,
און אױף אײביק װעט צינדן דײַן טאַט
אין דעם ייִדישן האַרצן אַ פֿלאַם.

ב

פון מזרח און מערב,
פון צפון און דרום
ציען זיך ווינטן
אַהער צו די קברים.

די זון היט דיין קבר
מיט פלאַמיקע פליגל
און לייגט דיר צופוסנס
אַ גאָלדענעם זיגל.

אַ ביימל צעשויבערט,
צעקוועלט זיך מיט גרינקייט,
און איבער דיין קבר
דערציילט פון דיין יונגקייט.

ווי דו ביסט דורך שטורעם
געפלויגן צום פייער,
פאַר פאָלק און פאַר היים
זיך געגעבן צושטייער.

זינגען די סטעזשקעס
אין ניי־טאָג אין ראָזן
פון טריט דיינע העלע
אויף שטיינער און גראָזן.

און דאָ, ביי דיין קבר
אין פלאַטער פון ווינטן,
דיין נאָמען — אַ ניגון
אויף ביימל צעגרינטן.

ח

אין וועלט־געוויטער

צווי נאָנעס

אַן אַלטער גרויער קלויסטער.
אויף שטיינערנע, גרויע טרעפּ,
צווי נאָנעס, צווי שוואַרצע פייגל
אין פאַלדן פון שוואַרצן קרעפּ.

אַ בראָנזענע קייט פון דער טאַליע,
צווי נאָנעס אויף קלויסטערשע טרעפּ,
און יעזוס אויף בראָנזענעם צלם
אין פאַלדן פון שוואַרצן קרעפּ.

דאָס פּנים בייביידע נאָנעס —
טויט ווי ווייסער קרייד.
ליפּן — פאַרטריקנטע ווײַנשל,
אויגן — בלויער זייד.

סוף־זומערדיק גאָלד אויף קלויסטער,
סוף־זומערדיק גאָלד אויף טרעפּ,
נאָר יעזוס און נאַכט זיך הילן
אין פאַלדן פון שוואַרצן קרעפּ.

צווי נאָנעס — צווי דורשטיקע לאַמען
אין פלאַטער פון שוואַרצן קרעפּ,
נאָר יעזוס — אַ שטומער פאַסטעך
היט זיי אויף קלויסטערשע טרעפּ.

ווערטער

פֿאַראַנען ווערטער וואָס פֿירן דיך
מיט גענאָד און מיט געזאַנג,
און ווערטער גרויע — רויך און אַש —
וואָס פֿירן צו אונטערגאַנג;

ווערטער וואָס גלעטן דיך ווי פּוכקע הענטלעך
פֿון אַ פּיצל קינד.
און ווערטער קאַלטע, פּראָסטיקע
ווי אַ בייסנדיקער ווינט.

פֿאַראַן אויך ווערטער וויסטע,
דאַרשטיקע נאָך מענטשלעך בלוט,
זיי פּאַכען איבער וועלט
ווי אַ גיהנומדיקע רוט.

זיי שפּרייטן חורבן אומעטום,
זיי שטאַמען נאָך פֿון פּרעהס צייטן,
ווערטער — טריפֿה, הפקרדיקע
איבער וועלטס געוויסן רייטן.

דאָס בייז פון דעם מענטשן איז גרויס אויף דער ערד

מענטשלעכע אכזריות, נאָך פון פרעהס צייטן —
שוואַרצע, ווילדע פערדלעך אויף וועלטס געוויסן רייטן.

מענטשלעכע אכזריות ביזן גרויען היינט —
פאַרוואָס האָט זון־פאַררעטעריין
אויף שלאַכטפעלד היינט געשיינט?

האָבן ביקסן היינט געצילט חברים ביי דער וואַנט,
ניט דאָס ערשטע בלוט פאַרגאָסן האָט חברישע האַנט.

זיך אַליין פאַרמשפּט אין די אויגן פון דער וועלט,
גליען, ברענען שטומע עדות — רויט באַפלעקטע ווענט.

ערשט געפלאַטערט ווי די פאַנען,
פרייד צעזייט אויף גאָרער וועלט,
ערשט די פינצטערניש געשניטן, ווי ראַקעטן אויפגעהעלט,
שוין פאַרמשפּט, שוין געשאָסן, חבר האָט חבר צעשאָסן.

קינדער מיינע, קינדער אַלע, קינדער פון דער גאַנצער וועלט!
כ׳האָב מיך היינט פאַרשעמט פאַר זיך,
פאַר אייך און פאַר דער גאַנצער וועלט.

איך און דאָס גראָז

נאַכט — אַ ברייטהיפטנדיקע נעגערין, מיט צעשראָקענע אויגן,
האָט אַ טרויעריקן ניגון אין מיר פאַרצויגן.

אויף מיין פענצטער, לבנה — אַ געל־גאָלדענער אַרבוז.
— ווייגען שטיל אין דער נאַכט אַריין איך און דאָס גראָז.

ביי מיין פענצטער דער בוים אין יוניקער גרינקייט,
רעדט צו מיר רייד אין שטומער פאַרשעמטקייט:

„הענגט אויף מיינע צווייגן פיין פון פאַרטריבענע,
גרויל פון טאָג, שרעק פון פאַרבליבענע".

נידערט דאָס גראָז ביי מיין פענצטער נאָך נידעריקער;
ווערט נאַכט מיט צעשראָקענע אויגן נאָך ציטעריקער.

— ווערט בוים ביי מיין פענצטער נאָך מער פאַרשעמטער,
און האַרץ אין מיר קלעמענדיקס נאָך מער פאַרקלעמטער.

אויף מיין פענצטער, לבנה — אַ געל־גאָלדענער אַרבוז,
ווייגען שטיל אין דער נאַכט אַריין איך און דאָס גראָז.

דאָס האַרץ פון מידן וואַנדערער

משפחות אויסגעוואָרצלטע,
צעפייניקטע, פאַרטריבענע
אויף ימען אומגעקומענע,
אין שטאָט, אין פעלד צעשאָסענע.

און די פון טויט אַנטרונענע
אין לעצטער שרעק, אין אַנגסטיקער,
אויף גרענעצן פאַרבליבענע
אָן האָפענונג דערמוטיקטער.

אויף וואַסערן, אויף ימיקע
ברויזן כוואַליעס שוימיקע ;
נאָך ברויזיקער און שוימיקער —
דאָס האַרץ פון מידן וואַנדערער.

אין אָראַנזש־גלי פון זון־פאַרגאַנג
ברענט דער וואַלד דער האַרבסטיקער ;
נאָך גליאיקער און ווונדיקער —
דאָס האַרץ פון מידן וואַנדערער.

פּיין פון פאַרשמיסענע ברידער

נאַכט אויף מיין פענצטער — אַ טונקעלע קאַלב,
יונג לבנה — פאַרבלוטיקטע הערנער.
ליג איך וואַך מיט פאַרשאַרפטן געהער
און איך הער:
גרילן זעגן,
זעגן איינטאָניק,
קענען ניט איבערזעגן דעם פּיין אין מיר,
פּיין פון פאַרשמיסענע ברידער.

נאַכט פון געבורט,
נאַכט פון בליאונג,
נאַכט פון שטערן־פאַרזיי,
ניט קיין פרייד פון פרילינג —
עקל פון שנאה,
עקל פון בלוט.

ליג איך וואַך, איבערפילט מיט צער
אין אַ נאַכט פון בלוטיקן גזר;
אַלץ בליט מיט בלוט —
דאָס גראָז, דער בוים און די נאַכט.

אַזוי פיל פּיין גאַלאָפּירט דורך מיין בלוט!
ליג איך וואַך מיט פאַרשאַרפטן געהער
און איך הער:
גרילן זעגן,
זעגן איינטאָניק —
קענען ניט איבערזעגן דעם פּיין אין מיר,
פּיין פון פאַרשמיסענע ברידער.

עכאָ פון וואלד

דער וואַלד איז ניט אַליין.
עס קלעטערט דאָ אַ וועווערקע
און עסט די רעשטלעך שניי.
עס ווינטערט דאָ פון אַלע פייגל —
דער סאַמע פראָסטער וואָראָביי,
און איך, דער מענטש,
פון פענצטער רעד צו זיי:

ווי גוט דיר איז,
דו וואַלדיקע משפחה!
ביסט איינגעוואָרצלט מיט דיין גאַנצקייט
אין דער ערד.
אין פרילינג זינגען דיינע בלעטער
גרינע לידער,
אויף דיינע צווייגן זומערן
די שענסטע פייגל.

און אַלע האָבן היימען דאָ ביי דיר,
און קיינעם טרייבט מען ניט,
און יעדער זינגט אין שלימות
אויס זיין ליד.
נאָר וואָס זאָל טאָן אַ מענטש
וואָס איז אַ ייד?

— קוקט די ווערקע
אויף מיר מיט מיטלייד,
דער וואָראָביי פאַרשטומט
מיט שנאָבל אין זיין פליגל,
און עס ענטפערט אָפּ
אַן עכאָ פונעם וואַלד —
נאָר וואָס זאָל טאָן אַ מענטש
וואָס איז אַ ייד ?

בלינדע שנאה

האָבן זיך היינט אויפגעקליבן אַזוי פיל „פאַרוואָסן" —
ניט־געצוימטע פערדלעך מיט פאַרבלוטיקטע קלאָען,
מיט מאָנענדיקן ברען אין מיר לאָזן מיך ניט רוען,
גאַלאָפּירן דורך מיין בלוט און צעשטויבן מיינע שעה׳ן.

האָב איך געשיקט דעם „פאַרוואָס" און „פאַרוועןׅ"
ביי דער נאַכט אַ פרעג טאָן פאַר וואָס און פאַר ווען.
האָט נאַכט געענטפערט מיט נאַכטיקן קלעם :
„ניט איך בין שולדיק פאַר וואָס און פאַר ווען".

האָב איך געשיקט דעם „פאַרוואָס" און „פאַרוועןׅ"
ביי דער זון אַ פרעג טאָן פאַר וואָס און פאַר ווען.
האָט זון געענטפערט מיט זוניקן ברען :
„ניט איך בין שולדיק פאַר וואָס און פאַר ווען".

האָב איך געשיקט דעם „פאַרוואָס" און „פאַרוועןׅ"
ביים ווינט אַ פרעג טאָן פאַר וואָס און פאַר ווען ;
האָט ווינט געענטפערט מיט ווינטיק געשריי :
„ניט איך בין שולדיק פאַר וואָס און פאַר ווען".

האָבן געוואַנדערט „פֿאַרוואָס" און „פֿאַרוועןˮ
פֿון נאַכט צו דער זון און פֿון זון צו דער ערד;
ביז זיי האָבן געטראָפֿן אין האַרץ פֿון דער וועלט
אַ בלוטיק, פֿאַרבלוטיקטע שווערד.

האָט די שווערד געענטפֿערט מיט מענטשלעכע רייד:
„ניט איך בין שולדיק פֿאַר צער און פֿאַר לייד,
ניט איך בין שולדיק פֿאַר מאָרד און גרוילˮ.
אַזוי האָט געענטפֿערט די בלוטיקע שווערד,
פֿון דער וועלט דאָס פֿאַרבלוטיקטע מויל.

„ס'איז די בלינדע שנאה פֿון קין צו הבלען,
די שלאַנג וואָס פּויזעט און סמט אונדזער ערד,
וואָס גריזשעט דאָס לויטערע האַרץ פֿון דער וועלטˮ,
אַזוי האָט געענטפֿערט די בלוטיקע שווערד,
די בלוטיק, פֿאַרבלוטיקטע שווערד.

רויט גליט די ערד

איבער שטאָט, איבער דאָרף,
קרייזן שטאָלענע פייגל —
שוואַרצע צלמים.

פייערדיקן מבול שפרייטן זיי,
רויטן געלעכטער טראָגן זיי,
רויט גליט די ערד.

איבער שטאָט, איבער דאָרף,
איבער רויטער ערד
פייקלט ווילד־בלוט,
שמחה פון טויט,
שמחה פון רויב,
ערד פאַרבליט
מיט פייערדיקן שטויב.

וואַרגט זיך וועלט
מיט רויך און פלאַם;
איבער ערד
רינט גרינער סם,
איבער ערד
רינט מענטשלעך בלוט
נאַכט בליט רויט
און טאָג בליט גרוי.

ערד צעפּערטלט,
היים צעלעכערט,
מענטש פאַרבליט
אין רויטן טוי.

דיין ווייסקייט באַרואיקט
מיין בלוטיק געוויין

ווייסער שטיין, מיין אייביקער חבר,
מיט דיר איז מיר גוט איצט צו זיין אַליין ;
דיין קאַלטקייט קילט מיין הייסן שטערן,
דיין ווייסקייט באַרואיקט מיין בלוטיק געוויין.

אָ, לאָז מיך זיך הילן אין דיין קאַלטער האַרטקייט,
זי איז ליבער פון מענטשנס בלוטיקן שויס,
ווייסער שטיין, מיין אייביקער חבר,
מיט דיר איז מיר בעסער צו זיין איצט אַליין.

מענטש איז ווער ? און וואָס איז גלויבן ?
אָ, חבר מיינער, ווייסער שטיין ;
די פאָן פון פאַרראַט אויף יענע שויבן,
אויף וועלכע זון האָט געגומען פאַרגיין.

דער טאָג ווערט פינצטער, די שטערן — ווונדן.
נידעריקער ווער איך פון גראָז אַצינד,
אָ, גאָט, אין אַ וועלט פון אַזוי פיל ווונדן —
פאַרשטיינער מיך אויך, פאַרשטיינער אַצינד !

א וואָרט אזא

פ אַ ר נ אַ כ ט.

אין ווינטיקן געדריי
פרישער שניי.
פון פרישן שניי אַרויס
וואַקסט אויס פאַר מיר אַ וואָרט,
אַ וואָרט וואָס עסט זיך איין
ווי בינען אין מיין לייב.
אַ וואָרט, גאַליק גרין,
שניידנדיק דין—דין
דאָס וואָרט ז ב אָ נ ז ש י ן.

פ אַ ר נ אַ כ ט.

דאָס אָוונט־ברויט איז גרייט.
מיר עסן שטיל די זופּ,
און מיטאַמאָל אין האַלדז,
אין האַלדז ביי מיר אַ קנופּ.
וואַקסט אויס פאַר מיר דאָס וואָרט,
קלינגענדיק ווי מעש,
זבאָן — זבאָן, גלין — גלין,
גאַליק — גרין,
דאָס וואָרט ז ב אָ נ ז ש י ן.

פאַרנאַכט.

די קינדער מיינע צוויי
מיט פריידיקן געשריי:
„אוי, מאַמע, זע
דעם פרישן שניי!"
— „אוי, קינדער מיינע, כ'זע
פון שניי אַרויס אַ וואָרט
וואָס וועבט זיך ווי אַ שפּין,
אַ וואָרט — גאַליק, גרין,
דאָס וואָרט ז ב אָ נ ז ש י ן.

נאַכט.

דאָס בעט איז פאַר מיר גרייט;
ביים אָוונט-שיין פון לאָמפּ
די צייטונג אויסגעשפּרייט;
און ווידער גיט אַ גלי,
און ווידער גיט אַ ברי,
אַ וואָרט — גאַליק, גרין,
פאַרגיפטנדיקע בין,
זשין — זשין, זשין — זשין,
דאָס וואָרט ז ב אָ נ ז ש י ן.

אין א יתומדיקער וועלט

קינדער יידישע
אין אַ יתומדיקער וועלט,
בלימלעך אויסגעוואָרצלטע
דורך שנאהדיקער קעלט;
יונגע צווייגעלעך
אָפּגעריסענע פון שטורם־ווינט,
בלוט פון אייערע ווונדן
איבער וועלטס געוויסן רינט.

אייערע אויגן — ברונעמער —
מיט גרענעצלאָזן צער,
אייערע גופים אויסגעצערט
דורך שונאס גזר;
אייערע מאַמעס און טאַטעס
שלאָפן ערגעץ ווו
און חלומען פון אייך
אין אייביק שטילער רו.

קינדער, זיך ניט אָפּטרייסלען
פון דורותדיקן שטאָס,
זאָל אייך שטענדיק לייכטן
אונדזער תורהדיקער פלאַם,
מוט און כוחות זאָלט איר שעפּן
פון אונדזער אַלטן קוואַל.
טרייסט פאַר אונדזער אבל־פאָלק
און פאַר דער וועלט — אַ שטראַל.

נאכט פארציט א שלייף

א

זענען אַנגעפלויגן מערצאָווע ווינטן,
געבראַכט מיט זיך געוויין פון הימלאָזע קינדער;
אויף מיינע פענצטער קלאַפּן הונגעריקע קינדער,
וויינען: עס־ס־ן, עס־ס־ן, עס־ס־ן.

ערב פרילינג.
פאַראַן געגנוג ביימער פאַר פייגלשע נעסטן,
פאַראַן געגנוג וועלדער פאַר אַלע חיות,
נאָר פאַר מיינע ברידער צווישן מענטשן
ניטאָ איז קיין דאַך און ניטאָ קיין געלעגער;
נאָר מיינע ברידער צווישן מענטשן —
באַגעגנט מעסערדיקע שנאה.

ערב פרילינג.
ערד איז אָנגעזויגן מיט בלוט.
נאַכט בייטשט מיט מעסערדיקער שנאה,
לבנה גיסט גאַל, און שטערנליכט שפּרייט סם;
ברידער מיינע, געבייטשטע פון בלוטיקער רציחה,
ברידער מיינע, געקרייציקטע אויף אַלע וועגן,
נאַכט פאַרציט אַ שלייף אויך אויף מיין האַלדז.

ב

ברידער מיינע,
געבייטשטע, געשמיסענע, פאַרטריבענע ;
ברידער מיינע, פון היימען אויסגעוואָרצלטע,
די אויף שיפן וואָגלענדיקע,
לאַנדלאָזע און ברעגלאָזע ;
די אַרום די אַלפּן בערג,
פאַרפרוירענע, פאַרבליבענע,
די אויף אַלע גרענעצן
פאַר אייך פאַרשלאָסענע —
פאַר אייך, מיין טרייסט, מיין ליד,
און אויך מיין פלאַטערדיק האַרץ.

א געבעט

ניט דבורה, ניט יהודית, ניט אסתר,
נאָר אַ פּשוט קינד פון דיין פאָלק
וויינט פאַר דיר איצט, אָ גאָט,
אין דער שוועסטער,
און בלוטיקסטער שעה פאַר מיין פאָלק.

האָסט געגעבן די מאַכט דעם רשע
און ער טובלט זיין שווערד אין בלוט;
און אַיעדער קין־רוצח
בייטשט איבער אונדז
מיט זיין רוט.

האָסט צעלאָזן די פליגל ביים שונא
און ער פאָכעט אויף אונדז מיט טויט;
ער רייסט אונדזער שטאַם
מיט די וואָרצלען,
אונדזער טאָג אין שטויב פאַרגרויט.

פאַר די שיצער אונדזערע בעט איך
אין שעה פון טרויער, אָ גאָט!
גיב זיי כוח ווי שמשון הגבור,
באַלייכט זייער יעטוועדן טראָט.

זעגלען מיינע, ווייסע

לידער מיינע, לידער
זעגלען מיינע, ווייסע.
איבער שוואַרצע טיפן,
איבער ים־געפאַרן,
טוט איר זיך
היינט שיפן.

איבער אייך אין הימל —
פייערדיקע ווונדן.
אַרום אייך די ברעגן
ערד, מיט בלוט געצונדן;
טוט איר זיך היינט שיפן
איבער ים־געפאַרן,
איבער שוואַרצע טיפן.

לידער מיינע, לידער —
זעגלשיפן ווייסע.
פאַר וועמען איר זענט בליצן,
און פאַר וועמען טוי ;
פאַר מיר — צער און אויפברויז
פון בלוטנדיקע טיפן,
לייוונטענע ווייסקייט ! —
שנייד די שוואַרצע טיפן.

לידער מיינע, לידער,
זעגלען מיינע, ווייסע,
איבער אייערע העלדזער —
ווינט־חלפים פייפן.
איבער אייער ווייסקייט —
רויטע טראָפּנס טריפן.
שניידט די שוואַרצע טיפן,
מיינע זעגלשיפן !

יידיש־וואלד

איר,ביימער שטאַמיקע
פון אונדזער יידיש־וואַלד,
מיט קרוינען הויכע און צעקודרעטע —
כ׳האָב פאַרריסן דעם קאָפּ צו אייך,
געשלונגען אייער גרינקייט
ווי טראָפּנס שטאַרקן וויין,
און זיך געקוויקט מיט אייער אַראָמאַט
ווי מיט דער גענאָד פון שיין.

ס׳האָט אייך דער טויט,
דער פייערדיקער בליץ
פאַרשניטן אַלע גלייך —
די סאָסנע און דעם דעמב,
דעם קליאָן און דעם טאָפּאָל,
און אויסגעגלייכט
אייך אַלעמען
אין אייער לעצטער הייך.

ס׳ווערט שיטערער אין אונדזער יידיש־וואַלד ;
נאָר אייביק וועט דאָך לעבן
די גבורה פונעם דעמב,
דער אַראָמאַט פון סאָסנע,
די גרינקייט פון טאָפּאָל,
און אין פלאַטער פון די בלעטער —
דער גייסט פון הויכן קלעטער.

א תפילה

אַלמאַכטיקער באַשאַפער
פון אַלץ וואָס מיין אויג זעט
און דערזעט ניט,
פון אַלץ וואָס מיין אויער הערט
און דערהערט ניט,
פון אַלץ וואָס מיין האַרץ אַנט
און דעראַנט ניט.
האָסט אַרויסגעפירט די וועלט
פון תוהו ובוהו,
האָסט געליכטיקט דעם טאָג
און געהייליקט דאָס לעבן
נאָר דעם שלום פון דער וועלט
האָסטו ערגעץ־ווו פאַרשלעפערט,
אויף גאַנצע אייביקייטן
פאַרשלעפערט.
האָסט באַלאָדן דעם מענטשן
מיט וויסן און חכמה,
צו דיינע שפיצן קלעטערט ער
און טרייסלט דיינע קרוינען,
ער שפּאַלט דיינע אַטאָמען
און גרייט קאַטאַסטראָפעס.

דערלאָז ניט, אַלמאַכטיקער
דערפירן דיין וועלט
צו תוהו ובוהו ;
אַנטדרימל און באַפריי דעם שלום
אויף אַלע אייביקייטן,
צעווינטיק אים איבער אַלע ערדישקייטן ;
זינג אים אַריין אינעם האַרץ
פון דער וועלט,
און זאָל די וועלט
די מידע פון מלחמות
זינגען שלום, שלום
אויף אַלע אייביקייטן.

אינהאַלט:

ליד	7
צו מיין פאָלק	11
אַ שטראַלעכל ליכט	12
לבנה-שטויב	13
פרילינג-נס	15
רייזע פיבער	16
אויף אַלטע חומש-טראַקטן	17
כנרת	19
צפת	20
ביים ים	21
לעצטע שלאַכט	22
שטראַלנדיקע פינגער	23
לעיק מישיגען	24
צווירעלי, צווירעלי	25
אַנגעלאָדענע שטילקייט	26
דער אַלטער בוים	27
שלאָף	28
אַ שוואַרצער בר-מינן	29
סילועטן	30
לויטערע מינוטן	31
קאַליריק זינגערל	32

צעזוניקטע גרינקייט 33
די וועלט מוז שענער ווערן 34
יידישער טרויער 36
אַ גילגול פון אַ ניגון 37
ווי אַן איינזאַמער שטערן 39
שולדיק 40
אייביקע ווערטן 41
נאָך ניט גרייט 42
אויף די טרעפּ פון אונדזער לעבן 43
פרעמדע פייערלעך 44
משיח איז אַלץ נאָך אין קייטן 45
אַ בריוו צו דער לבנה 46
שקראַפּלדיקע גראָזן 47
בלויער ניגון 48

לידער צו חיימען

דיין לעבן 51
אויב ס'וועט זיין מיר באַשערט 52
אַ קערנדל טרייסט 54
אונטער זיבן מאַסקעס 55
צער פון קהלת 56
די קייט 57
אויף אַ סימפאָנישן קאָנצערט 58
צוויי שורות 59

נאַטור לידער און פּייזאַזשן

מיט גאָלדענע טריט איבער ערד 65
לבנה — מיין שלאָף האָט צעפּערטלט 66

גרוסן פון דאָרף 67
שניי 68
טויבן וואָרקען היינט ניט 69
גאָלדענער צייכן 70
דינע העלדזוער 71
צום בוים 72
אין לעצטן בלי 73
אַ צושויערין ביי דער זייט 74
צו אַן אָפּגעפאַלן בלאַט 75
אַ רעגן 76
ליד פון מדבר 77
שאָטן אויפן דאַך 78
סוף-זומער 79
בענקשאַפט 80
אַליעסקאַ און מיקאַלאַ 81
ציגיינערקעס 83
מיר ווילט זיך ניט פאַרגיין 85
ווינטן 87
מישאַוואַקאַ 88
קאָלאָראַדער בערג 89
אַריזאָנאַ-שטרעקעס 91
אַ חתונה אין כמאַרע-לאַנד 93
אייביקע שפּיל 95

מיין שטאַם

עדות פון דורותדיקן געוויין 99
געביין פון מיינע עלטער-זיידעס 101
אָנהייב פון סוף 102

סליחות 103
מאַמע 105
יום-טוב 106
ניט דאָ, ניט הי 107
שולדיק 108
יידיש לשון 110

ציטעריקע רגעס

נאָענטקייט 113
איך בין דאָס פעלד 114
דערוואַרטונג 115
שטילער צער 116
שרעק 117
דיינע ליפּן 118
רגעס פון גענאָד 119
ווי אַנדערש 120
לידער פון שפּיטאָל 121
נאָך גוט 127
ווייס געוועב 128
געבורט 129
פאַר דיין טראַפּעלע גענאָד 130

אַ קויש מיט ברכות

רות — מיין אייניקל 133
פּיצל 135
אַ יינגעלע — אַ שרעטעלע 136
מיין ליכטיקע 137
אַכצן שמייכלען 138

א שטיקל רעגנבויגן 139
א מעשה מיט א ווינט, א ווינטעכע,
א ווינטעלע און א קליין הינטעלע 141

לויטערע מינוטן

דו 147
שווייגן 148
א טרער 149
מיינע ליפן מורמלען 150
דיינע רייד 151
א ווייסע לאָם 152
נאָקטורן 153
אָפּשייד 154
צווייגלעך נאָך פּאַרטריקנטע 155
בענקשאַפט 156

טעג אין חומש־לאַנד

מחשבות פון מיין שטאַם 159
תל־אביב 161
סאַבראַ 163
הייל פון שוידער 164
אונדזער בייע הײם 166
א טרייסט אויף יעדער שוועל 167
חנה סענעש 168

אין וועלט־געוויטער

צוויי באַנעס 173
ווערטער 174

דאָס בייז פון דעם מענטשן איז גרויס
אויף דער ערד 175
איך און דאָס גראָז 176
דאָס האַרץ פון מידן וואַנדערער 177
פיין פון פאַרשמיסענע ברידער 178
עכאָ פון וואַלד 180
בלינדע שנאה 182
רויט גליט די ערד 184
דיין ווייסקייט באַרואיקט מיין בלוטיק געוויין . . 186
אַ וואָרט אַזאַ 187
אין אַ יתומדיקער וועלט 189
נאַכט פאַרציט אַ שלייף 190
אַ געבעט 192
זעגלען מיינע, ווייסע 193
יידיש-וואַלד 195
אַ תפילה 196

ביכער פון פעסי הערשפעלד־פּאַמעראַנץ

קאַרעלן, שיקאַגאָ, 1926, צייכענונגען פון טאַדעס געללער.

געקליבענע לידער, שיקאַגאָ, 1931.

רויטער טוי, שיקאַגאָ, 1939, צייכענונגען פון טאַדעס געללער.

ריגעם פון געניאַד, ניו־יאָרק, 1957, אילוסטרירט און אויסגעשטעלט פון י. שלאָס.

פון אַלע מיינע לידער, חיפה, 1969.

דערשינען אין פאַרלאַג „חיפה"

ביי דעם יידישן שרייבער־פאַראיין אין חיפה

מ. קראַשניץ און ד. ראַדין (רעד.)	**חיפה נומער 1**
מרדכי קראַשניץ	**אייגנס . . . .**
רבקה קוויאַטקאָווסקי-פנחסיק	**בידיים נאמנות (העברעאיש)**
דוד ראַדין	**דער שמעטערלינג**
מרדכי קראַשניץ	**נאַטור און מענטש**
מ. קראַשניץ און ד. ראַדין (רעד)	**חיפה נומער 2-3**
רבקה קוויאַטקאָווסקי-פנחסיק	**אין זיבערע הענט**
נחמן מייזיל	**ד"ר חיים זשיטלאָווסקי 1865-1965**
ד"ר ישראל חיים פּאָמעראַנץ	**משיח-מאָטיוון אין דער אַמעריקאַנער-יידישער פּאָעזיע**
מ. קראַשניץ און ד. ראַדין (רעד)	**חיפה נומער 4**
מרדכי קראַשניץ	**ערד**
פעסיע פּאָמעראַנץ-האַניגבוים	**פון אַלע מיינע לידער**

דערשיינען בקרוב :

מ. קראַשניץ (רעד.)	**חיפה נומער 5**
מ. קראַשניץ	**דורות**